Distributed in NY/NJ, CANADA, UK/EU

**ISSUE 37** — MARCH 30 '25 — WILLIAMSBURG/UK YINGERMAN • WEEKLY PUBLICATION — **פרשת ויקרא תשפ"ה** — בס"ד

London 2.99£ • Belgium 3.99€

0602835502201

# אינגערמאַן

UK/EU

קרית יואל

מאנסי

בארא פארק

וויליאמסבורג



## חסד אין ביזנעס?

← פינאנצמאן

**וויפיל דארף מען עסן?**

← געזונטערמאן

**ביטע באשטעטיגן אייער וואלמארט ארדער**

← כאפצעם!

**און וואס זאגט דער עולם?**

← באלעבאטיש



SATMAR MATZO BAKERY

427 Broadway

סאטמאר מצות

בית האופה דקהל יטב לב

# בית האופה דקהל יטב לב

718.388.4008

## מודעה חשובה

# זמנים טובא משמע

דערמיט זענען מיר מודיע אלע אונזערע חשובע קאסטומערס שיחיו

**אז אנגעהויבן פון פרייטאג בעפאר פורים הבעל"ט**

## זענען מיר אפן יעדן טאג

פון **8:30** צופרי ביז **7:30** ביינאכט

### פרייטאג

פון **9:00** ביז **12:30**

### מוצאי שב"ק

פון **10:00** ביז **12:00**

צו סערווירן דעם ציבור מיט מצות פאר יו"ט

## דער רייכער מצות אויסוואל

- **רעגולערע מצות**
- **מצות** שיטת הרא"ש
- **ספעלט** שיטת הרא"ש
- **רחיים של יד**
- **רחיים של יד** שיטת הרא"ש
- **אייך** א גלוטן פריי מצה
- **רעד פייוו מצות**
- **מצות רקיקין**
- **מצות נשרפים**
- **מצות עבים**
- **שיבולת שועל**
- **ספעלט מצות**
- **ראזעווע מצות**
- **לחם משנה מצות**
  ספעציעל דיקע מצה,
  יעדע מצה אין א עקסטערע בעג
- **י"ב מצות**
- **מצות אחר פורים**

## אנווייזונגען ביים ארויסנעמען די מצות

מיר האבן ספעציעל צוגעשטעלט א באקוועמע אפטיילונג צום פארקויפן די מצות, מיט הרחבת הדעת און אַ רואיגע אטמאספערע, דעריבער פאר אייער טובת הנאה ביטע אויספאלגן די אנווייזונגן ווי פאלגענד:

- ביים אנקומען אין בעקערי גייט איר צום נייעם אפיס ביים אונטערשטען שטאק, ווי איר "באצאלט" פאר אייער מצה ארדער.
- איר וועט תיכף נאכן באצאלן ערהאלטן אייער "מצה ארדער לעבעלס" און איר גייט דערנאך צום פאקן שטוב אויפן אויבערשטן שטאק (ווי יעדעס יאר).
- אינעם פאקן שטוב ווארט אייך אפ א געטריייע שטאב פון ארבעטער אייך אהערצושטעלן אייער ארדער, פונעם איינפאקן ביזן ארויסגיין, בעז"ה מיטן גרעסטן צופרידענהייט.

בברכת חג כשר ושמח, הנהלת בית האופה


די גרעסטע
ציצית סעיל
מער נישט קיין
דריקעניש!
מיטוואך פקודי - פרייטאג ויקרא
הערליכע וואלענע טלית קטן
$29.99
ווען איר קויפט 3 ציצית
מצוה בהידור
KETER
כתר
QUALITY JUDAICA
BORO PARK: 5309 13TH AVE • 3720 14TH AVE
WILLIAMSBURG: 801 BEDFORD AVE
LAKEWOOD: 12 AMERICA AVE MONTICELLO: 321 BROADWAY

INTEREST-FREE SMALL BUSINESS LOANS FOR NY CITY, LONG ISLAND AND WESTCHESTER

# SOMETIMES ALL A BUSINESS OWNER NEEDS TO SUCCEED IS A HELPING HAND.

# LET US LEND YOU A HAND.



The Hebrew Free Loan Society provides interest-free business loans to low-and moderate-income residents of New York City, Long Island, and Westchester.

Find out what HFLS can do for you:

**212.692.9023 • biz@hfls.org**
**WWW.HFLS.ORG**

Startups • Expanding Businesses • Storefronts • Home-Based • Men/Women Owned

## Get a loan up to
# $50,000

No Interest. No Fees. Ever.

Restrictions apply. Two qualified guarantors required.

HEBREW FREE LOAN SOCIETY
SINCE 1892
IMPROVING LIVES THROUGH LENDING

PROUD PARTNER
UJA Federation NEW YORK

משכן יחזקאל
Mishkan Yecheskel

An initiative of the **Hebrew Free Loan Society** in partnership with **Mishkan Yecheskel**

Kosher L'Pesach

# Countertop Covers

Peel & Stick

REVOLUTION



Double Heat Protection



- Fits standard counter depths
- Easy to Clean
- Waterproof & Heat resistant

Netila



Three designs available

כשר לפסח

Available at your local store

Distributed By:
AMJudaica

expose 347.263.1908

pick up &. delivery

*Next day service

# איבער-געפרישט



- גלאנצן
- גלאנצן קרוין
- פרעסן
- פארבן
- קלינען
- טוישן קאפעל
- נייע באקסעס

## מאכט פסחדיג אייער שטריימל

ערב פסח

$60

מאכט פסח'דיג אייער שטריימל הערליך לכבוד יום טוב מיט אונזער ספעציעלע ערב פסח קלינינג דיסקאונט פאר בלויז $60.

חיימאוויטש
שטריימעל סערוויס

347.486.1394 | 44 Harrison Ave.

New beautiful spacious location

Store hours: **sunday - thursday** 3pm till 6:30 pm










**Have your dream home a reality just in time for Passover and the summer!**

- 4,000+ SQ FT 2.5 Acre
- More space in basement/ bonus room
- 7 minutes drive to KJ
- Close to Shul and Mikva

Ready to move in

For Sale
By Owner

**Don't miss this oppertunity! Reach out fast!**

Email: offices3838@gmail.com

Call: 914-432-2130

בס"ד

# WEEKLY LISTINGS

Updated 03/28/25

Brought to you by:
Prestige Realty Team

*OUTSTANDING TEAM.*
*OUTSTANDING RESULTS.*

Residential | Commercial | Land

## 75-77 BAKERTOWN
Kiryas Joel

**NEW CONSTRUCTION:**

- Only 2 up & downs left.
- 3 Seven room apts.
- 4 Eight room apts.
- Ready to move in 5 months.

**75 BAKERTOWN**

- 2nd floor
- 2100 sf
- **asking $799 only**

**MAJOR PRICE IMPROVMENT**




## OFFICE/STOREFRONT
For Rent - Village of Monroe

**BUSINESS GROWING OPPORTUNITY**

- **2 suites, walk-in and 2nd floor**
- 1st floor 3,500sf.
  2nd floor 2,950
- **Hot Location - business district**
- Lots of parking




## 31 ISRAEL ZUPNICK
Kiryas Joel

- **Corner property, which offers additional building opportunities.**
- To be built +1,623 square feet per floor.
- **Up to 4 floors plus a basement.**



## 252 SCHUNNEMUNK RD
Mombosha Rd

**LOT FOR SALE**
**PRIME LOCATION**

- **Up to 10,000 sf house + basement**
- 4 min walk to KJ
- **House generating income**
- Private lot
- **Possible subdivision**
- Price 799K




## 37 TANAGER RD
Blooming Grove

**APPARTMENT FOR SALE**

- **Across Landau's Supermarket**
- 4 room apartments
- **well maintained**
- Asking 279k



PRESTIGE
REALTY TEAM


**Joel Basch**
347.486.2196
joel@prestigert.com




פון אן אנגעוועטשטע ספאנדש און א צופלויגענע אינגערמאן קענט איר זיך טרעפן א פרישע אינגערמאן מיט א קרוין אויפן קאפ! מיר וועלן אייך איבערמאבן אייער שטריימל ווי שפאגל ניי אז איר וועט באמת שפירן און אויסזעהן ווי א מלך! שיקט אונז א מעסעדש און מיר וועלן אויפפיקן אייער שטריימל פון אלע היימישע געגנטער **בחנם**!

---

**REFURBISH**

929.760.3784

**זיי נישט קיין אורח מאך דיך איבער דיין שטריימל**




NUAH 845.513.0001

# MEDIUM CONSTRUCTION ASSISTANCE

MANY DIFFERENT THINGS FROM DEMO TO FINISH, WITHOUT INTERRUPTING YOUR LIVING.

CREWSO

- Staircase installation
- Installing Metal & Concrete Lintels or Flitch Plates
- Window & patio doors installation
- Punch list
- Concrete Cutting
- Framing & Siding
- Electric / Plumbing
- Insulation & Sheetrock
- Trimming & Deck Adjustments
- Home Contracting Jobs, and More

Contact us TODAY to get your free estimate →

845.388.1002 | SUPPORT@CREWSO.CO


HAND MADE
AMISH BUILT
SWINGIT PLAYSCAPES
pivotgroup.nyc
Hands that tell a story
Jeb is a third-generation craftsman, raised with tools in his hands and the purity of nature in his soul. From a young age, he learned the tradition of dedication to quality—never cutting corners, never compromising. With his trusty chisel in hand, he carries on a legacy of purposeful craftsmanship, building the way it was always meant to be.
swingit
PLAYSCAPES
CRAFTED FOR GENERATIONS. ORDER YOURS TODAY. 833.752.9738 | 917.685.9837 | SWINGITPLAYSCAPES.COM
INQUIRE ABOUT OUR STARTER SWING SETS


ער זיצט ביים שיסל...
ארבעט
ארום
געלט.
פארדין
אסאך
געלט.
לערנט אייך א פאך אין
די וועלט פון פינאנץ
און אקאונטינג, וואו
מען פארדינט הערליך
שיין, און דינט אלס
איינס פון די העכסטע
באצאלסטע קאריערעס.
A life time opportunity
ash pinexteam
REGISTRATION OPEN
Finance and Accounting course
זייט א מושלם אין אכט חדשים
בעסטע און גרעסטע עקספערטן
היימישע און חסידי'שע אטמאספערע
Viewpoint ACADEMY
Call now to discover your qualifications
212.989.7177 | WWW.VIEWPOINT.ME


Not just tint.
Not just cars.
KAYGROUP.CO
tinti
347.844.1421 | 238 Route 32 Central Valley, NY 10917
PICKUP & DELIVERY AVAILABLE.
Window Tinting
Dash Cameras
Radars
Full-Color Change Wraps
Chrome Delete
Home & Office Window Tinting and Electric Smart Frosting

# אינהאַלט


16 פאסטמאן

20 כח היחיד

24 גוטערמאן

28 שטאטסמאן

32 פינאנצמאן

34 אידיש געלט

40 באלבאטיש

46 געזונטערמאן

50 ויסעו

52 מיט'ן קאפ אין וואנט



פרשת ויקרא תשפ"ה

MARCH 30 '25 — ISSUE 37






**THE YINGERMAN**
**FREE WEEKLY PUBLICATION**

**MAILING**
215 MOUNTAIN VIEW DR.
MONROE, NY, 10950

**OFFICE**
845.666.0056

**OFFICE EMAIL**
INFO@THEYINGERMAN.COM

**ADVERTISING**
ADS@THEYINGERMAN.COM

**WEBSITE**
WWW.THEYINGERMAN.COM



**© The Yingerman Publication.** Published by The Yingerman Publication Inc. All rights reserved. No part of this publication may be reproduced in print or digital form without prior written consent. The publisher reserves the right to edit all submissions for clarity, length, and editorial standards. Submitted materials will not be returned. The Yingerman Publication is not liable for the kashrut of any advertised product or service featured in these pages. Additionally, The Yingerman Publication assumes no responsibility for the content of articles, advertisements, or referenced books within this publication.


פאר פידבעק און קאמענטארן
צו שרייבער אדער ארטיקלען:

845.200.3313 #101
EDITOR@THEYINGERMAN.COM


BLUESHINE
INSURANCE BROKERAGE

**WE SHOP EVERY INSURANCE COMPANY AT EACH RENEWAL!**

Call or Text:

**845.751.9299**

Chat with our automated system: **844.450.1070** | quote@blueshineinsurance.com

**LET US DO THE WORK!**



די אינגערמאן
האט גרינג פסח
געמאכט זיין
מיני-ווען
BECAUSE HE HAD THE RIGHT CONTACTS.
STOCK UP NOW!
10% OFF ALL LENSES
from Rosh Chodesh until Pesach!
*Restrictions Apply
CALL OR TEXT 718.624.6911
Therightcontact@gmail.com
THE RIGHT CONTACT
GCNY

דעם אינגערמאַנ'ס טיש
845.200.3313 #102
qa@theyingerman.com

### #139

א קליינע נקודה וואס איך וויל ארויסברענגען פאר ארבעטער און בעלי בתים צוגלייך.

עס קומט מיר זייער אסאך אויס צו האנדלען מיט יונגעלייט וואס מוטשענען זיך שטארק צו זיין הייליג און אפגעהיטן. מי כעמך ישראל שרייט זיך ארויס ווען מ'זעט פון דער נאנט ווי אידן רייסן אוועק שטיקער פון זיך און לאזן זיך נישט פון דעם יצר הרע.

אבער זייער אסאך פון די יונגעלייט פאלן אדורך ווען עס קומט צו דער ארבעט. (און יא, אפילו וואוילע ערליכע יונגעלייט וואס עס קען זיך דאכטן אז זיי ווייסן נישט וויאזוי מ'נוצט א קאמפיוטער).

- מיין קאמפיוטער האט נישט קיין גוטן פילטער אבער איך שעם מיך צו בעטן פון מיין בעה"ב.
- דער פילטער איז נישט גוט אנגעשטעלט אבער איך שעם מיך.
- ווער רעדט נאך אויב דער קאמפיוטער האט בכלל נישט קיין פילטער.

אסאך יונגעלייט שעמען זיך צו בעטן, און נאך ערגער איז אויב ער האט יא געבעטן און זיין בעה"ב וויל נישט מאכן בעסער.

חוץ פון וואס עס גייט אריין אין דעם כלל פון כל המחטיא... וגדול המחטיאו יותר מן ההורגו, איז עס אויך זייער וויכטיג אלס דער ביזנעס. דער פילטער מאכט אפשר אביסל שטייטער דעם קאמפיוטער, אבער עס מאכט אסאך שנעלער די ארבעט, ווייל עס באגרעניצט די מעגליכקייט פון זיין פארנומען מיט אלע סארטן נארישקייטן אנשטאט טון די ארבעט.

**ביטע ארײנלייגן מיינע שורות**
**יישר כח למפרע**

### #140

איך וויל צולייגן א וויכטיגע הערה אויף בריוו נומער 123 וואס א יונגערמאן האט דארט געשריבן אז מען דארף נישט צולייגן קאפ וויאזוי צו שפארן געלט, נאר מען דארף זוכן וויאזוי צו מאכן מער געלט.

דאס איז נישט דער אידישער וועג. א איד דארף ארבעטן גענוג צו קענען מאכן פרנסה. די איבריגע צייט דארף מען טראכטן פון רוחניות, צו קענען לערנען, צו דאווענען מער, נישט זוכן צו מאכן נאך געלט.

אוודאי דארף מען שפאָרן, וויבאלד די היינטיגע אויסגאבן וואס עס גייט פאר ביים חתונה מאכן קינדער איז איבערגעטריבן. מען ווארפט זיך מיט געלט. דער וואס האט געשריבן אז מען דארף שפארן ביי שבע ברכות און מיט די צירונגען איז לויטער גערעכט. אבער צו זאגן אז מען זאל זוכן נאך א דזשאב און מאכן נאך געלט איז זייער נאריש גערעדט.

א מענטש דארף לעבן פאר דעם אויבערשטן. ער דארף זיך אפגעבן מיט זיינע קינדער אינדערהיים, און נישט זוכן צו מאכן נאך און נאך געלט. איך פארשטיי נישט וויאזוי אן ערליכער איד פון אונזערע היימישע קרייזן קען אזוי שרייבן. זייט געזונט.

### #141

א גוטן, איך וויל ענטפערן פאר דעם יונגערמאן וואס פרעגט אז ער קען נישט טרעפן וואס איבערצוזאגן ביים שבת טיש.

עס איז דא צו באקומען א ספר פון המקובל רבי גמליאל ראבינאוויטש שליט"א וואס הייסט טיב הקהילה. עס איז ארויסגעקומען אין די לעצטע צוויי יאר אין אידיש. עס איז צוויי בענדער. עס האט שיינע זאכן סיי אויף דער פרשה און אויך מעשיות. עס איז זייער שיין אראפגעלייגט פאר קינדער. מען קען עס פארלייענען און מען דארף כמעט נישט צולייגן. ער ברענגט ארויס מורא'דיג שיינע געדאנקען. עס איז כדאי עס צו פרובירן. הצלחה.


שלשה מי יודע
HERZOG
SPECIAL RESERVE
Perfect For Pesach And Great For ד' כוסות
PRODUCT OF THE USA • DISTRIBUTED BY ROYAL WINE CORP. • FOR MORE INFO, CALL (718) 384-2400 • WWW.ROYALWINE.COM • PLEASE ENJOY RESPONSIBLY


soulmade ♥ 347.585.0692
Starting allergy treatment before symptoms appear is up to
90% MORE EFFECTIVE
in preventing allergy symptoms from occurring.
Moishy won't suffer from the allergies this year!
Smiling Herbs®
Extract more life™
Say goodbye to allergies and hello to a world of fresh air – start enjoying the outdoors again without the sneezing, itching, or discomfort!
Ask our nutritionist:
845.285.9400 Ext.
info@smilingherbs.com
Available in all health food stores near you.
DELICIOUS
ORANGE
NATURAL FLAVOR
כשר לפסח*
*LIQUID ONLY
Smiling Herbs
Allergy Relief
Eyes, Ear, Nose & Throat Support*
60
Smiling kids
Allergy Relief
THESE STATEMENTS HAVE NOT BEEN EVALUATED BY THE FOOD AND DRUG ADMINISTRATION. THIS PRODUCT IS NOT INTENDED TO DIAGNOSE, TREAT CURE OR PREVENT ANY DISEASE.



LAUFER SPECIAL RESERVE
CABERNET SAUVIGNON
CALIFORNIA 2016
LAUFER
2016
SPECIAL RESERVE
LAUFER
אינו מבושל כשר לפסח
לקידוש ולארבע כוסות
למהדרין מן המהדרין
Nameless.team

## כח היחיד

אן איינצלנער מענטש
מיט א געדאנק - ביז א
רעוואלוציע אין דער וועלט

# הגאון רבי משה טראכטמאן שליט"א

ווען איינער זאל אייך היינט זאגן אז איר קענט באוויזן איבערצו'חזר'ן הונדערט בלאט גמרא רש"י און תוספות אינעווייניג און אויסנווייניג אין איין טאג, וועט איר קלערן אז יענער ווייסט נישט וואס ער רעדט. און אויב ער וועט זאגן אז איר קענט באווייזן צו איבער'חזר'ן אן עמוד גמרא אין צוויי מינוט, וועט איר אים אנקוקן מיט שטוינונג און סקעפטיציזם.

אבער אין ארץ ישראל וואוינט א איד א תלמיד חכם, הגאון רבי משה טראכטמאן שליט"א, וואס קומט אריגינעל פון שיקאגא, וועלכער האט באוויזן צו ברענגען א תורה'דיגע רעוואלוציע, אויפקומענדיג מיט א מהלך וואס העלפט פיל אידן איבערצו'חזר'ן הונדערט בלאט גמרא רש"י און תוספות אין זעלבן טאג. אדער נאכמער: א גאנצע מסכת אין ש"ס אין בלויז עטליכע שעה!

ר' משה האט נאך זיין חתונה זיך איינגעשריבן אינעם דאן פריש-געגרינדעטן "מפעל הש"ס" פון ק"ק קלויזנבורג. דורכאויס די קומענדיגע איין-און-צוואנציג יאר האט ער זיך אין די ראמען פון מפעל הש"ס פארהערט גאנץ ש"ס, שו"ע יורה דעה און שו"ע חושן משפט.

שוין גלייך ביים אנהייבן די בחינות האט ר' משה געשפירט אז ער קען עס נישט באווייזן, עס איז אים געווען זייער שווער פיזיש און גייסטיש. אבער ער האט זיך אנגעגארטלט און געזאגט: "עס איז טאקע זייער שווער, אבער איך וועל עס באווייזן!"

איין זאך האט אים אבער זייער וויי געטון. ער האט געזען אז טראץ וואס ער האלט זיך אין איין פארהערן, דאך פארגעסט ער די אמאליגע בלעטער, און דאס איז אן אומגעהויערער צער.

ר' משה וואלט געקענט מאכן א שנעלן חשבון אז אויב ער האט גארנישט פון זיין לערנען און חזר'ן, דאן איז א שאד די צייט. אבער אנשטאט אויפגעבן האט ער זיך ווידער אנגעגארטלט מיט עקשנות און אריבערגעגאנגען אויסשמועסן זיין ווייטאג מיט א חשוב'ן גדול פון די ליטווישע קרייזן.

מאכנדיג א חשבון אז ר' משה פארהערט זיך יעדן חודש ניינציג בלאט, האט אים דער גאון געזאגט אז ער וועט אים אויסשטעלן א סדר פון וועכנטליכע שאלות אויף צוואנציג בלאט גמרא. דאס הייסט אז ער זאל חזר'ן יעדע וואך צוואנציג בלאט און איבערגיין די בלעטער מיט זיינע שאלות.

יעדע וואך זונטאג איז ר' משה געקומען צום גאון וואס האט אים געגעבן א בלאט מיט פינף-און-צוואנציג שאלות אין די צוואנציג בלאט גמרא. עס זענען נישט געווען טרוקענע שאלות, נאר לומד'ישע געדרייטע פראגעס, אז ר' משה זאל מוזן גרינטליך איבער'חזר'ן, ווייל די שאלות האבן געפאדערט צו ברענגען באווייזן פון דער גמרא אויף אנדערע הלכות - נישט וואס שטייט קלאר אין גמרא, נאר מען דארף עס זוכן.

דורכאויס צען יאר האבן זיך אנגעזאמלט ביי ר' משה ארום ניין טויזנט שאלות. היינט גיבט ער ארויס די שאלות און די תירוצים אין זיינע ספרים "מכללא איתמר". בלויז פון די ערשטע פינף און צוואנציג שאלות, האט ר' משה געשריבן ניינציג עמודים מיט תשובות און הוכחות פון אלע עקן ש"ס און מפרשים.

דער אויבנדערמאנטער גאון האט שוין אין יענע יארן געזאגט פאר ר' משה אז כדי צו געדענקען גמרא ברויך מען אזויפיל מאל חזר'ן, ביז מ'קען שוין איבער'חזר'ן די גאנצע מסכת אין איין טאג!

פאר ר' משה זענען די ווערטער אריין אין די ביינער, אבער ער האט נאר געוואלט וויסן וויאזוי באווייזט מען דאס?... דער גאון האט אים דאן אויסגעלערנט צו שרייבן א סיכום אויף יעדער גמרא וואס ער לערנט.

ער האט געפאלגט און אנגעהויבן שרייבן סיכומים.

זיינע סיכומים זענען געשריבן פראגעס און ענטפערס, גאר קלאר און גאנץ קורץ, אויף א וועג אז אויך איינער וואס האט נאך אין זיין לעבן נישט געלערנט דעם בלאט גמרא קען דורך די סיכומים זעלבסט פארשטיין די גאנצע גמרא! היות אפילו מענטשן וואס לערנען, פארגעסן נאך א שטיק צייט וואס זיי האבן געלערנט, צילט ער מיט זיינע סיכומים צו מקיים זיין "השבת אבידה" - העלפן דעם לומד טרעפן די פארגעסענע תורה.

אבער דער גולת הכותרת פון די רעזולטאטן פון זיינע סיכומים איז, אז מיט זיינע סיכומים קען מען איבער'חזר'ן יעדן עמוד גמרא אין בלויז צוויי מינוט! אויך א פשוט'ער מענטש וואס האט געלערנט מערערע בלעטער, קען איבער'חזר'ן הונדערט בלאט גמרא אין איין טאג!

ר' משה אליין גייט אסאך ארום אין ישיבות און כוללים רעדן דרשות, וואו ער ציילט וויאזוי מיט זיין מהלך קען מען בעז"ה באווייזן צו קענען די גאנצע תורה.

ער נעמט פאר א ביישפיל מס' כתובות, וואס פארמאגט 111 בלאט. אין אנהייב האט עס אים גענומען פינף וואכן צו חזר'ן, ווייל יעדע וואך האט ער גע'חזר'ט צוואנציג בלאט. נאכן עס מסיים זיין, האט ער מיט די סיכומים עס איבערגע'חזר'ט אין איין טאג דריי מאל, אינעווייניג און אויסווייניג.

דאן איז ער אריבער אויפן זעלבן מהלך צו די ראשונים. ער האט געלערנט רי"ף און עס צוטיילט אין דריי: דאס ערשטע איז גמרא, דאס צווייטע איז תוס' - וואס ביידע פון זיי האט ער שוין געקענט - און דאס לעצטע דריטל איז דאס וואס דער רי"ף לייגט צו להלכה.

דאן איז ער געגאנגען צו רא"ש, און עס צוטיילט אין דריי: דאס ערשטע איז אריגינעל א שטיקל פון רי"ף, דאס צווייטע איז תוס', און דאס לעצטע איז חידושים פונעם רא"ש.

דאן איז ער געגאנגען צו ר"ן: דאס ערשטע דריטל איז א סיכום פון גמ' מיט רש"י און תוספות, דאס צווייטע איז רא"ש, און דאס לעצטע איז חידושים פונעם ר"ן.




**שלום ווייס**
845.200.3313 #107

יעדע פרישע זאך וואס ער האט געטראפן אין א מפרש הגמרא, האט ער גאר גוט געלערנט, און געמאכט דערויף א סיכום. אזש אז ער האט געקענט איבערגיין דעם מפרש אויף דעם גאנצן מסכת אין איין טאג!

און צוריק צו אונזער ביישפיל פון פריער, האט ער געקענט איבער'חזר'ן גאנץ מסכת כתובות, גמרא, רש"י, תוספות, רי"ף, רא"ש און ר"ן, אין איין טאג!

דאס זעלבע האט ער געטאן מיט שו"ע: געלערנט טור, וואס איז קודם א סיכום פון רא"ש, און דאס איבריגע איז טור. דערנאך בית יוסף, וואס א גרויס טייל דערפון איז א סיכום פון גמ', רש"י, תוס', רא"ש, ר"ן, רמב"ם, און דאס איבריגע איז בית יוסף. אויף יעדן פרישן חידוש האט ער געמאכט א סיכום און עס גע'חזר'ט.

זיינע סיכומים זענען אויסגעשטעלט אין שאלות. אויף יעדן עמוד זענען דא לכה"פ פיר שאלות, און מערסטנס פינף. די תירוצים אויף זיינע שאלות באשטייען פון בלויז זעכצן שורות, און ער האלט זיך צו דעם גאר שטרענג.

ר' משה קען זיצן גאנצע טעג און נעכט צו מאכן די סיכומים, פארפאסנדיג שלאף און מאלצייטן, ווייל צו מאכן אויף יעדן עמוד בלויז פיר אדער פינף פראגעס איז א קונץ, נאך דעם וואס נישט יעדער עמוד איז דאס זעלבע גרויס. זיין ציל מיטן מאכן מאקסימום פינף שאלות, און מאקסימום זעכצן שורות תירוצים, איז כדי צו מאכן די סיכומים ווי קורצער און שארפער, און בעיקר "גרינגער", צו איבער'חזר'ן יעדן עמוד.

זיינע ווערק זענען שוין היינט פארשפרייט אלוועלטליך אין פילצאליגע תורה חבורות, חסיד'ישע און ליטווישע צוגלייך, און אויך אין גאר אסאך כוללים.

ר' משה אליינס איז דער בעסטער באוויז אויף זיין פראדוקט, ווייל ער זעלבסט האט שוין ארויסגעגעבן צענדליגער ספרים בתורה, וואס אלעס איז א דירעקטער רעזולטאט פון זיין מהלך הלימוד.

ר' משה איז זייער רעאליסטיש, און זאגט אז מען דארף נעמען דעם מהלך שטאפלווייז. עס איז נישט דער קורצער וועג צו ווערן א גאון, אבער עס איז דער פארזיכערטער וועג. געגוי ווי יעדער מענטש גייט אריין אין דעם עולם התורה שטאפלווייז, קודם אין חדר, דערנאך אין ישיבה, און אזוי ווייטער, דאס זעלבע איז מיט דעם מהלך - צוביסלעך, שטייט, אבער פארזיכערט.

ער אליין נוצט די ווערטער: דער מהלך איז נישט קיין "מעטאד", אבער עס איז א "וועגווייזער".

ווען מען פרעגט אים אויב מען מוז האבן א גוטן קאפ צו קענען גיין מיט זיין וועגווייזער, ענטפערט ער א זיכערן ניין. געגוי ווי מען וויל פארן פון איין שטאט צום אנדערן איז נישט קיין חילוק צי מען האט א "לעבמארגיני" אויטא אדער א פשוט'ן אויטא, נאר מען מוז האבן די פאלגנדע זאכן: 1. א שאיפה צו פארן. 2. א ציל וואו אנצוקומען. 3. א מאפע. 4. אנצינדן דעם אויטא. 5. א וועגווייזער. אזוי אויך אין תורה דארף מען האבן: 1. א שאיפה צו לערנען. 2. א ציל וואו מען וויל אנקומען אין צען יאר ארום. 3. א מאפע, טראכטן וויאזוי קען מען אנקומען אהין אין צען יאר ארום. 4. אנהייבן לערנען, עפענען די גמרא, זיך ארויסלאזן אויפן וועג. 5. א מורה דרך אין תורה, אים צו פרעגן וויאזוי צו לערנען, וועלכע שעות צו לערנען, און דאס גלייכן.

ר' משה דערציילט וויאזוי ער אליין האט געעפנט זיינע שאיפות: זייענדיג אין זיין שנה ראשונה האט ער געוואוינט אין א געדינגענער דירה מיט א גרויסן אוצר הספרים, און ער פלעגט יעדע נאכט זיצן און בלעטערן די ספרים, כדי "זיך באקענען פון דער נאנט מיט דער תורה" און זען "וואס האט די תורה צו פאָרשלאגן". און ער האט דאן געזאגט: "איך ווייס נישט ווען איך גיי דאס אלעס דורכלערנען, אבער איך וועל עס דורכלערנען!"

---

אויב האט איר א געדאנק פון א פערזענליכקייט וועלכער איז פאסיג צו ווערן באשריבן אין דעם קאלום, ביטע זיך פארבינדן מיט אונז דורכן רופן 845.200.3313 #107 אדער שיקט אן אימעיל צו sw@theyingerman.com



געווינט א
$7,000
$2,500
$2,900
$16,000
$3,000
$1,400
$1,900
פארן סכום פון $100 און העכער
ווערכנטליכע גורל
אויף א הערליכע
זילבערנע כוס של אליה
ראפפעל
#15
סדר
עזר
לישיבות
ישיבה לכל תלמיד | עתיד לכל נפש


LAST CHANCE!
$9,500
$1,000
signature SILVER
סדר טיש
$60,000
מאסיווע זילבער שטיק אין ווערד פון איבער
$6,000
$7,000
$1,100
$600
clickandmarket.com
24 HOUR HOTLINE
646.357.1234 › SEDERRAFFLE.COM
10X פאר $72
5 פאר $54
1 פאר $36
BONUS RAFFLE
20 פאר $100
200 פאר $500
100 פאר $360
40 פאר $180
די גורל וועט פארקומען מאנטאג ט' ניסן בחצות הלילה Monday Evening April 7
arrive 845.622.1111
CARE 365
Ark Mortgage Shloimy Tauber
RIDGE FRAMERS 845.603.7263
AFFORDABLE 845.371.4477

# העלפן אין שטוב

**שאלה:**

**א גוטן, איך בין א כולל יונגערמאן און איך ארבעט נאכמיטאג. מיין ב"ב איז זייער פארפארעט אין שטוב, און איך פרוביר צוצולייגן א האנט לויט ווי מיין צייט ערלויבט מיר. יעצט קומען די פארנומענע פסח טעג און איך דערמאן זיך פון פאריגע יארן ווי די נושא פון העלפן ברענגט אן אנגעצויגנקייט. פון איין זייט טענה'ט די בני בית אז איך העלף נישט גענוג, פון דער אנדערער זייט פיל איך ווי זי באפעלט מיך צו העלפן. איך פיל מיך באצווינגען.**

**וואס איז דער ריכטיגער צוגאנג?**

**תשובה:**

די נושא פון העלפן אין שטוב איז א ברייט-פארצווייגטע, מיט מיינונגען און געדאנקען אויף אלע זייטן. איך וועל פרובירן מיטצוטיילן עטליכע פשוט'ע געדאנקען כיד ה' הטובה עלי, און איך האף אז עס וועט זיין א הילף פאר דיר און אסאך אנדערע.

ווען עס קומט צו דער נושא זענען דא דריי חלקים:

**א.** וויפיל איז דער ריכטיגער שיעור פון העלפן?

**ב.** וואס איז דער ריכטיגער צוגאנג צו העלפן אין שטוב? און מיט וועלכער מחשבה זאל מען צוגיין דערצו?

**ג.** וואס איז פשט פון די טענות וואס מען הערט פון דער ב"ב? און וואס איז די ריכטיגע רעאקציע וואס סיי דער מאן און אויך די ב"ב וועלן הנאה האבן דערפון?

אין דעם ארטיקל וועלן מיר בעיקר ארייינגיין אין די לעצטע צוויי נושאים. אין דעם ערשטן חלק פון "למעשה" - וויפיל צו העלפן - וועט מען נישט ארייינגיין, ווייל דאס האט נישט קיין קלארע תשובה. עס ווענדט זיך אסאך אין די אומשטענדן פון יעדער שטוב באזונדער, ווי למשל: וויפיל כח די ב"ב האט, וויפיל ארבעט עס איז דא, וואס דער מאן טוט דורכ'ן טאג, צי די ב"ב ארבעט אדער נישט, אא"ו. ווי אויך ווענדט זיך עס אין יעדער תקופה און זמן, ועוד כמה פרטים. ממילא איז דאס א זאך וואס יעדער דארף אליין אויסארבעטן, און צומאל דארף מען פרעגן א קלוגן איד.

מיר וועלן צוטיילן דעם ארטיקל אויף צוויי: צום ערשט וועלן מיר אויסשמועסן וואס ס'איז די סיבה פון העלפן אין שטוב, און מיט וועלכער מחשבה מען דארף צוגיין צו דעם. און אין דעם צווייטן חלק וועט מען בעז"ה ארייינגיין אין דער נושא פון די טענות, וואס איז פשט פון דעם און וויאזוי צו רעאגירן אויף דעם.

צוערשט לאמיר זען, וואס איז דאס "העלפן", און פארוואס טוט מען עס?

אין מיינע אויגן איז דער ריכטיגער צוגאנג דערצו אזוי: העלפן איז עפעס וואס מען טוט פאר זיך. קיינער קען נישט צווינגען א מאן צו העלפן, און קיינער זוכט עס נישט צו טון. א מאן העלפט ווען ער פארשטייט און זעט עס פאר ריכטיג. ער העלפט זיך אליין.

לאמיר זיך אביסל מסביר זיין. א מאן טראגט די פירערשאפט פון דער שטוב, ער ברענגט אריין די שטארקייט אין שטוב, און עס ליגט אויף אים דעם עול הפרנסה. ווידער די ב"ב פירט די שטוב ווירטשאפט בפועל. זי קאכט, וואשט, רייניגט וכדומה.

און וויבאלד אפט מאל איז די ארבעט גאר אסאך, איז ריכטיג אז דער מאן זאל צולייגן א האנט און העלפן זיין ב"ב.

[אגב, דאס מיינט נישט אז די שטוב ווירטשאפט ווערט יעצט זיין ארבעט און זיין עול, נאר ער לייגט צו א האנט איר צוצוהעלפן מיט איר ארבעט. דאס איז אן ענין אין וואס אסאך יונגעלייט זענען זיך טועה, און זיי מיינען אז אויב זיי העלפן מיינט דאס אז עס איז געווארן זייער עול און זייער אחריות. דאס איז עפעס וואס שפעטער זעט מען אז ס'קלאפט נישט, סיי פאר'ן מאן און סיי פאר דער ב"ב. מען דארף געדענקען אז די שטוב ארבעט איז איר אפטיילונג און דער מאן לייגט צו א האנט כפי הצורך, ואכמ"ל.]

עכ"פ, העלפן מיינט אז דער מאן לייגט צו א האנט פאר זיין ב"ב איר צו העלפן מיט איר ארבעט.

אבער די זאך איז נאך טיפער פון דעם: וויבאלד דער מאן איז דער מנהיג אין שטוב, באדייט דאס אז די גאנצע שטוב ווירטשאפט וואס זיין ב"ב טוט, טוט זי באמת פאר אים. עס איז נישט פשט אז די שטוב ווירטשאפט איז איר אפטיילונג, נאר די שטוב ווירטשאפט ליגט באמת אויפן מאן, און וויבאלד ער איז דאך טרוד צו ברענגען פרנסה וכדו', און אויך איז ער נישט אזוי געאייגנט צו טון שטוב ארבעט, האט ער באקומען א מתנה פונעם אויבערשטן אז ער האט א פרוי וואס העלפט אים ארויס מיט דער ארבעט.

זי ארבעט נישט פאר זיך, נאר זי ארבעט פאר אים. און אסאך פרויען זאגן עס זייער קלאר, זיי שפירן אז זייער שטוב ארבעט טוען זיי אויפן דעת פון זייער מאן, און דאס איז דער כח וואס גיבט זיי מוט אנצוגיין מיט דער ארבעט.

לויט דעם, ווען דער מאן לייגט צו א האנט צו דער שטוב ארבעט, העלפט ער נישט זיין ב"ב מיט "איר" ארבעט, נאר ער העלפט איר צו טון "זיין" ארבעט!

אדער קען מען זאגן: א מאן העלפט נישט זיין ב"ב, נאר ער העלפט זיך אליינס!

עס איז אזוי ווען איינער ארבעט פאר א צווייטן, און צומאל איז די

# ער העלפט נישט זיין ב"ב מיט "איר" ארבעט, נאר ער העלפט איר צו טון "זיין" ארבעט!

**ישעי' שרייבער**
845.200.3313 #114
Giterman@theyingerman.com

ארבעט צופיל פאר אים, וועט דער מענעדזשער צולייגן א האנט אים צו העלפן. נישט ווייל עס איז דעם מענעדזשער'ס ארבעט, נאר פשוט ווייל עס איז צו שווער פאר יענעם לייגט ער צו א האנט אים צו העלפן. און נאך טיפער פון דעם: וויבאלד דער מענעדזשער וויל דאך אז די ארבעט זאל געשען, מוז ער פון צייט צו צייט צולייגן א האנט. קומט אויס אז ווען ער העלפט זיין העלפער העלפט ער זיך אליינס.

היוצא לנו מזה אז העלפן און שטוב איז נישט קיין "עבדות" וואס מען "מוז" העלפן, נאר דאס צולייגן א האנט כפי הצורך איז פשוט אלס אחריות און געפיל פאר דער ב"ב. און אויך ווייל מען פילט אז די שטוב איז מיין שטוב.

נאך מער, ווי געשריבן כמה פעמים, איז א מאן א מענטש פאר זיך און קיינער איז נישט דא אים איינצוטיילן וואס צו טון; וואס ער טוט זאל ער טון ווייל "ער" פארשטייט אז דאס איז ריכטיג און ער וויל עס טון, און נישט ווייל ער פילט זיך באצווינגען פון אנדערע. איבערהויפט אין באצוג צו דער ב"ב – סיי ער און נאך מער זי האבן נישט הנאה ווען ער פילט זיך באצווינגען און ער "פאלגט" איר. אויב אזוי איז פשוט און גראד אז א מאן העלפט נישט מחמת עבדות און געצווינגענערהייט, נאר ווייל ער פארשטייט און זעט איין פאר ריכטיג צו העלפן די ב"ב. אדער – ווי געשריבן אויבן – זיך העלפן.

[און אפילו ווען עס קומט אים אן שווער און ער וואלט געוואלט אז ער זאל נישט דארפן העלפן, מיט דעם אלעם, ווען ער באשליסט למעשה צו העלפן, קומט דאס נאכדעם וואס ער זעט אז דאס איז ריכטיג און ער איז מחליט אז אזוי דארף ער טון.]

ווען מען גייט צו מיט דעם בליק, איז דאס העלפן א רואיגע זאך. און אפילו אויב עס איז שווער, בפרט ווען מען טוט ארבעט וואס איז געאייגנט פאר פרויען, ווי רייניגן און וואשן וכדו', עם כל זה טוט מען עס מיט א פאזיטיווער שטימונג.

ווידעראום אויב א מאן גייט צו צו דער שטוב ארבעט געצווינגענערהייט, האט קיינער נישט הנאה דערפון. ער האט נישט הנאה דערפון ווייל ער וויל דאך נישט פילן געצווינגען פון זיין ב"ב, אבער נאך מער פון דעם האט זיין ב"ב נישט הנאה דערפון! ווייל פונקט ווי עס איז אים נישט בא'טעמ'ט צו פילן באצווינגען פון איר, נאך מער פון דעם שטערט עס איר ווען זי פילט אז זי באצווינגט אים.

פארוואס? ווייל דאס אז א מאן וויל נישט פילן באצווינגען פון זיין ב"ב קומט דאך פון דעם נאטירליכן געבוי פון א אידישער שטוב, אז דער מאן איז ווי דער מלך און די ב"ב איז דא זיך צו פירן און טון לויט זיין ווילן. דאס איז נישט נאר אריינגעבויט ביים מאן אין הארץ, נאר פונקט אזוי און נאך פיל מער איז עס אריינגעקריצט נאטירליך ביי דער פרוי, אז זי וויל אז איר מאן זאל זיין דער מנהיג אין שטוב, און עס באדערט איר עד דכדוכה של נפש ווען זי פירט אים, ווייל זי פילט זיך פארלוירן אן א פעסטן רוקנביין.

נאך א נקודה: העלפן מיינט נישט אז דו זאלסט אויפגעבן אויף אלע דיינע ענינים, ווי פרנסה, לערנען, דאווענען, וכדומה. דיין אייגענע לעבן און אחריות'ן קומט פאר אלעם, און צו דעם לייגט מען צו א האנט כפי הצורך. אויך די ב"ב וועט נישט הנאה האבן צו זען ווי איר מאן טוט זיך אינגאנצן אין א זייט לייגן און איז נאר פארנומען צו אויסנעמען גוט ביי איר. איינער וואס טוט אזוי בלייבט צום סוף קרח מכאן ומכאן, סיי ער האט נישט זיין אייגענע טאג פאר זיך, און סיי ער נעמט נישט גוט אויס ביי דער ב"ב.

ווען מען העלפט מיט דעם צוגאנג וועט דער מאן נישט האבן קיין טענות אז די ב"ב מאכט אים שווער ארבעטן, ווייל ער וועט נישט פילן אז ער טוט עס וועגן איר. ער וועט פילן אז ער העלפט ווייל ער שפירט אז דאס איז ריכטיג. אודאי לויט ווי ער הערט פון איר וואס איז יעצט נויטיג, אבער ער איז דער וואס איז מחליט צו העלפן.

■

די נקודות אין קורצן:

- **העלפן מיינט אז מען העלפט די ב"ב – נישט אז מען נעמט איבער די שטוב ארבעט.**
- **א מאן העלפט זיין ב"ב אים צו העלפן פירן זיין שטוב.**
- **די ב"ב האט נישט הנאה ווען איר מאן העלפט געצווינגענערהייט.**
- **א גרויס טייל פון "העלפן" איז אז זי שפירט ווי זי האט א רוקנביין.**

■

*קומענדיגער וואך וועלן מיר אי"ה אויסשמועסן דעם צווייטן חלק: פארוואס זי האט טענות, און וויאזוי צו רעאגירן דערצו.*

---

די ארטיקלען ברענגען כלליות'דיגע יסודות וואס איז נוגע פאר יעדן, און קען פארשטייט זיך נישט געשריבן ווערן אויף א פערזענליכן פארנעם. אין פאל מען געפינט זיך שוין אין א פראבלעמאטישן מצב איז גאר וויכטיג צו גיין פאר הילף ביי א מומחה און זיך נישט פארלאזן בלויז אויף וואס מיר שרייבן דא.

**ר' ישעי' שרייבער איז א מומחה אין אוועקשטעלן יונגעלייט אין שטוב אויף גוטע יסודות. פאר שאלות און אפוינטמענטס רופט 845.372.5364 אדער שיקט אן אימעיל צו: ys3725364@gmail.com.**




mango 718.635.1673

**GLAUBERS**
CLOTHIERS

**Boro Park** 1307 49th St. 718.866.4901
**Williamsburg** 113 Spencer St. 718.514.7993
**Monroe** 252 Acres Rd. 845.205.9990
**Monsey** 6-8 Twin Ave. 845.203.4552


Super Special
פאר בין הזמנים
בס"ד
ווער איז א אמת'ע
בן חורין?
דער וואס איז נישט
קיין קנעכט פאר די עסן!
צו ווערן א מעמבער רופט
כי טוב
key to success
347-989-1818

# רעזידענשאל, קאמערציאל, אדערביידע

עס זענען פארהאן צוויי סארטן וועגן צו טון ריעל עסטעיט אין וועלכע מען קען זיך ארייינלייגן, וואס ביי ביידע קען מען בעז"ה מצליח זיין – דאס זענען רעזידענשאל און קאמערציאל.

די רעזידענשאל קאטעגאריע נעמט אריין יעדן פראפערטי פון איינס ביז פיר יוניטס וואס מען וואוינט דערין, און איז געוויס געמאכט צו וואוינען.

דערנאך איז דא די קאמערציאלע קאטעגאריע וואס נעמט אריין ווערהאוזעס, געשעפטן, אפיסעס און אויך געביידעס מיט מער ווי פיר יוניטס. אט דאס אלעס ווערט פאררעכנט אלס קאמערציאל.

דאן איז פארהאן א געמישטע קאטעגאריע וואס ווערט גערופן mixed used. דאס מיינט אז עס פארמאגט סיי געשעפטן/אפיסעס, און אויך פריוואטע הייזער וואו מענטשן וואוינען.

מיר ווען היינט בס"ד עטוואס אריינגיין און אויסשמועסן וויאזוי עס שפילט זיך אויס די מארטגעדזש פראצעדור ביי אלע דריי סארטן.

צוערשט דארף מען אויך צוטיילן די בענק אין צווייען: עס זענען דא רעזידענשאל בענק און קאמערציאלע בענק, און די צוויי זענען גענצליך אנדערע וועלטן; די פראדוקטן זענען ממש צוויי סארטן מארטגעדזשעס, מיט באזונדערע פרינציפן און גיידליינס וויאזוי זיי זענען אוועקגעשטעלט.

דאס מיינט אבער נישט אז ווען מען פארמאגט א קאמערשאל פראפערטי איז די רעזידענשאל באנק דער אומריכטיגער אדרעס, ווייל צומאל קען זיין מער פאסיג צו זיך באנוצן מיט א רעזידענשאל באנק פאר א קאמערשאל מארטגעדזש, און דאס ווען מיר היינט אויסשמועסן. (מיר ווען עס דורכלויפן גאר אין קורצן. אויב זענען דא ליינער וועלכע האבן אן אינטערעסע און ווילן מיר זאל מער פארברייטערן דערוועגן, ביטע זיך לאזן הערן און מיר ווען בעז"ה ארייינגיין טיפער אין דער טעמע.)

אין דער וועלט פון קאנווענציאלע רעזידענשאל בענק איז נישט פארהאן א פראדוקט וואס איז אויסגעשטעלט פאר א פראפערטי וואס האט אין זיך מער ווי פיר יוניטס, און מען דארף זיך ווענדן צו א געהעריגער קאמערציאלער באנק. אבער אין דער וועלט פון no-doc איז יא דא א פראדוקט פאר מער ווי פיר יוניטס, וואס קען אויך גיין ביז צווישן אכט און צען יוניטס, און ביי געוויסע בענק אפילו מער פון דעם.

טראץ וואס די סארט בענק זענען אריגינעל אוועקגעשטעלט פאר רעזידענשאל פראפערטיס, ווען זיי אבער דאך שענקען מארטגעדשעס פאר געביידעס מיט מער ווי פיר יוניטס. אבער עס וועט צוגיין מיט אן אנדערן צוגאנג ווי ווען זיי געבן א געווענליכן רעזידענשאל מארטגעדזש, און דאס איז אז מען וועט דארפן זיין אן ערפארענעם אינוועסטירער. דאס הייסט אז דער אינוועסטמענט איז נישט דאס ערשטע אין וואס מען לאזט זיך אריין, נאר מען האט שוין געקויפט אינוועסטמענט פראפערטיס אין דער פארגאנגענהייט.

ווי אויך ווען די בענק בלויז שענקען 75% LTV, וואס באדייט 75% פון דעם פרייז פונעם הויז. משא"כ ביי א פראפערטי וואס האט ווייניגער פון פיר יוניטס ווען זיי געבן 85%.

אויך איז די ראטע אסאך טייערער אין אזא פאל. ווי אויך וועט פארשטייט זיך פארלאנגט ווערן א קאמערשאל אפרעיזעל רעפארט, וואס איז פיל טייערער ווי א רעזידענשאל אפרעיזעל.

אויך וועט דער פראפערטי דארפן זיין DSCR 1.2, וואס מיינט אז דער פראפערטי דארף זיך קענען שיין דעקן מיט א שמיץ אריבער.

דערנאך זענען דא mixed use פראפערטיס, וועלכע מיר זעען אסאך אין די היימישע גאסן, וואו אונטן זענען דא געשעפטן אדער אפיסעס, און אינעם אויבערשטן טייל געפינען זיך הייזער וואו מענטשן וואוינען.

ביי אזא פראפערטי וועט זיך ווענדן אויב דער רעזידענשאל חלק איז מער ווי האלב פונעם פראפערטי, סיי אין סקווער-פיס אין סיי אין אינקאם. דאן וועט מען מוזן אויפווייזן אז די הייזער אויבן נעמען אויף מער פיס ווי דער קאמערציאלער חלק אונטן, און אז דער אינקאם וואס די אויבערשטע טענענטס ברענגען אריין איז מער וויפיל די אונטערשטע געשעפטן ברענגען אריין. אויב קומט דאס נאך די פארלאנגען וועט דאס ווערן באצייכנט אלס רעזידענשאל און די סארט בענק ווען געבן א מארטגעדזש דערויף, אבער מיט די זעלבע טערמינען ווי אויבנדערמאנט.

די שאלה איז נאר, פארוואס זאל איינער בכלל נעמען אזא סארט מארטגעדזש, ווען ער קען גיין צו א געהעריגער קאמערציאלער באנק וואו ער וועט באקומען בעסערע טערמינען און בעסערע ראטעס?

דער ענטפער איז אז עס לוינט זיך טאקע נישט. אין רוב פעלער וועט זיך טאקע לוינען צו האנדלען מיט א געווענליכער קאמערציאלער באנק. עס איז אבער דא אמאל ווען איינער דארף קלאוזן אין א קורצן צייט-אפשניט, וואס קען נישט צושטאנד



אהרן שמואל שטיין
יודא באכנער

קומען מיט די קאמערציאלע בענק, נאכדעם וואס עס נעמט ביי זיי כאטש צוויי-דריי חדשים, וויבאלד דאס איז דער וועג וויאזוי דער סיסטעם ארבעט ביי זיי. ווידער ביי די no-doc בענק איז די צייט פיל קורצער, און מען קען קלאוזן ממש אין צוויי ביז פיר וואכן.

נאך א מעלה פארמאגן די סארט בענק אז זיי קענען אפטמאל זיין פיל לייכטער ווען עס קומט צו געוויסע זאכן וואס מען דארף צומאל אדורכשלייכן.

אזוי אויך וועט דער מארטגעדזש זיין אויף פולע דרייסיג יאר, אנדערש ווי ביי די קאמערציאלע בענק וואס זייערע מארטגעדזשעס זענען אויף פינף-צען יאר.

אין אמת'ן אריין איז די טעמע פון רעזידענשאל קעגן קאמערציאלע ריעל עסטעיט א גאר ברייטע, מיט פילע צדדים וואס עס לוינט זיך ענדערש צו קויפן. מאמענטאל האבן מיר בלויז באריהרט דעם חלק וואס איז רעלעוואנט ביי מארטגעדזשעס, און אין א קומענדיגער געלעגנהייט וועלן מיר בעז"ה אויסשמועסן דעם אנדערן טייל דערפון מער באריכות.

אבער וואס מען דארף זיכער וויסן איז אז עס זענען פארהאן צוויי אפציעס אין וועלכן סארט מארטגעדזש מען קען נעמען, און עס לוינט שטענדיג זיך צו קלאר אויסשמועסן מיטן מארטגעדזש בראוקער, און אזוי פאסן דעם ריכטיגן באשלוס בסייעתא דשמיא. k

פאר סיי וועלכע מארטגעדזש אנגעלעגנהייטן פילט פריי זיך צו פארבינדן מיט אהרן שמואל שטיין פון YS Capital Group:
347.988.8722 Samual@yscapgroup.com
פאר סיי וואספארא קאמענטארן, קאמפלימענטן און קריטיק צוגלייך, אזוי אויך פראגעס איבער די ארטיקלען ווערן גערן אויפגענומען ביי אונז, ביטע לאזט אייך הערן דורך שיקן א טעקסט מעסעדזש, אדער קענט איר איבערלאזן א וואויסמעיל צו 347.987.0011, אדער דורך שיקן אן אימעיל צו yingerman@yscapgroup.com.

The information furnished in this article is for informational purposes only. The information does not and should not be considered to constitute an offer to buy or sell securities. The information should not be relied upon by any person to make an investment decision.

## גוטע געלעגנהייט!

מיר הייבן יעצט אן טרענירן א גרופע פון היימישע יונגעלייט צו ווערן פראפעסיאנעלע מארטגעדזש בראוקערס. אויב איר שפירט אז עס איז פאסיג פאר אייך, ביטע פארבינדט זיך מיט אונז דורכן שיקן אן אימעיל צו JOIN@YSCAPGROUP.COM



# OPEN HOUSE

# UNBEATABLE AMAZING DEALS YOU DON'T WANT TO MISS!

## FOR SALE









**116 ADAR COURT #216 MONSEY** — $1,150,000

- Condo
- 2,500
- 5 Bedrooms
- 4 Bathrooms

- Prime Location
- Luxury Upgrades
- New Construction

## FOR SALE




**29 CALVERT DR #214** — $1,049,000
MONSEY, NY

- Condo
- 2,644 SqFt
- 5 Bedrooms
- 4 Bathrooms

5 BDR

## FOR SALE




**19 RITA AVE #302** — $1,099,000
MONSEY, NY

- Condo
- 2,654 SqFt
- 5 Bedrooms
- 4 Bathrooms

5 BDR

## FOR SALE




**151 BLAUVELT RD #214** — $949,000
MONSEY, NY

- Condo
- 2,400 SqFt
- 5 Bedrooms
- 4 Bathrooms

5 BDR

## FOR SALE




**29 CALVERT DR #114** — $719,000
MONSEY, NY

- Condo
- 1,174 SqFt
- 3 Bedrooms
- 2 Bathrooms

+ Basement with income potential

3 BDR

## FOR SALE




**19 RITA AVE #114** — $729,000
MONSEY, NY

- Condo
- 1,293 SqFt
- 3 Bedrooms
- 2 Bathrooms

3 BDR

## FOR SALE




**151 BLAUVELT RD #116** — $699,000
MONSEY, NY

- Condo
- 1,200 SqFt
- 3 Bedrooms
- 2 Bathrooms

+ Basement with income potential

3 BDR


TARGET TEAM
Of Keller William Valley Realty

845.307.0771 | office@targetreteam.com

בס"ד

# peîndre

YOUR FANTASY IS MY ART
















**TABLECLOTH UP TO SIZE 250 IN NARROW AND WIDE SIZES**
**AVAILABLE STARCHED /PLAIN**

**845-323-0936**

פינאנצן

א טיפערן אריינבליק אין
דער וועלט פון אקאונטינג

חיים ווייסבערג, CPA
845.200.3313 #113

# חסד אין ביזנעס?

אלס אן אקאונטענט, האב איך צוטריט צו די מערסט סענסיטיווע און פריוואטע אינפארמאציע פון מיינע קליענטן. איך קען זייער קלאר זען ווער עס פארדינט שיין און ווער עס מוטשעט זיך פינאנציעל.

עס איז דא אסאך איבער וואס צו רעדן ווען מען כאפט אן די נושא פון געלט, אבער לאמיר אצינד רעדן איבער דער פראצעדור פון פארלאנגען פון די קליענטן זאלן באצאלן זייערע בילס.

ווען א סוקסעספולע ביזנעס טוישט אריבער צו א נייעם אקאונטענט, איז אפט דא א שטיקל פחד: 'וועט דער נייער אקאונטענט אונז בעטן זייער טייער זעענדיג אז מיר קענען זיך עס ערלויבן?'

עס איז נארמאל אז א מענטש זאל זיין באזארגט אז מ'וועט אים בעטן אן איבערגעטריבענעם פרייז, איבערהויפט ווען מען שטייט אין א סיטואציע וואו מ'עפנט אלע ביכער און פינאנצן פאר א נייעם אקאונטענט. אבער אין רעאליטעט איז עס עפעס וואס בלייבט געווענליך ביים פחד און פאסירט נישט למעשה. פארוואס? ווייל קיינער גייט דאך נישט צו קיין אקאונטענט אן זיך נאכפרעגן און וויסן מיט וועם מ'האנדלט. ווי פארשטענדליך וועט יעדער ביזנעס אייגנטימער מאכן זיין ריסורטש בעפאר, און זיכער מאכן אז דער אקאונטענט איז אויפריכטיג און האנדלט ערליך.

דאס מציאות אין אקאונטינג איז, אז מ'קען נישט מצליח זיין ווען מ'טראכט איינגעצוימט. אן אקאונטענט זעט יעדן טאג ווי מענטשן מאכן גרויס געלט, און אויב וועט ער אנהייבן גלוסטן אדער ווערן פארביטערט דערוועגן, וועט ער זייער שנעל ארויסגיין פון ביזנעס. דער איינציגסטער וועג באמת צו מצליח זיין און הנאה האבן פון דעם פאך, איז זיך צו מיטפרייען און פייערן דעם סוקסעס פון זיינע קליענטן.

אבער וואו זאכן ווערן שווערער פאר אן אקאונטענט, איז ווען א קליענט מוטשעט זיך שטארק אין ביזנעס. וויאזוי פארלאנגסטו אז ער זאל דיר באצאלן, בשעת דו ווייסט קלאר אז ער האט פשוט נישט דאס געלט דערצו? און נאך מער: דער קליענט ווייסט דאך אז דו זעסט זיינע פינאנצן, און אז דו ווייסט אז ער מוטשעט זיך.

אויב דאס אלעס איז נאכנישט גענוג: די אקאונטינג בילס קענען אפט מאל זיין גרויסע בילס, איבערהויפט ווען מ'האנדלט מיט שטייער אנגעלעגנהייטן. צום ביישפיל, פארערכטן פראבלעמען ווי אומבאצאלטע פעיראל שטייערן פאדערט א געוואלד מיט צייט, און נעמט אריין דאס האנדלען מיט מערערע שטייער אגענטורן.

עס ווערט זייער אומבאקוועם ווען מ'שטייט אין אזא מצב. כסדר טוט דער געוויסן נאגן: 'איך בין געווארן אן אקאונטענט צו העלפן מענטשן, נישט צוצולייגן צו זייערע פראבלעמען.' שטעלן דעם ריכטיגן באלאנס צווישן רחמנות און פראפעסיאנאליזם, איז ווארשיינליך דער שווערסטער חלק פון דער דזשאב.

ווען איך געפין זיך אין אזא סיטואציע, דערמאן איך זיך זעלבסט וואס איך זאג אפט פאר מיינע קליענטן: דער הויפט ציל פון א ביזנעס - סיי וועלכע ביזנעס - איז צו מאכן געלט. דער חלק פון העלפן מענטשן און גלייכן די ארבעט איז אוודאי זייער וויכטיג, אבער ווען מען טוט זיך אן די שיך פון א ביזנעס אייגנטימער, דארף מען דאס שטעלן אלס נומער צוויי. נומער איינס איז צו פארדינען געלט.

אלס א ביזנעס אייגנטימער איז אייער הויפט פאראנטווארטליכקייט צו זיכער מאכן אז איר פארדינט געלט. איר האט בילס וואס מ'דארף דעקן, ארבעטער וועם מ'דארף באצאלן, א ביזנעס וואס דארף אנגיין, און א משפחה וועם מ'דארף שפייזן. די פאראנטווארטליכקייט נעמט אריין דאס פאסן שווערער באשלוסן, אריינגערעכנט איינמאנען פון אייערע קליענטן וואס זיי קומען אייך, אפילו אויב איר ווייסט אז עס קומט זיי נישט אן לייכט.

פארשטייט זיך אז איינמאנען א ביל פון א קליענט וואס מוטשעט זיך, דארף אלץ ווערן געטון מיט א באזונדערער סענסיטיווקייט און געפיל. איר קענט זיך נישט ערלויבן צו פארלירן אייער מענטשליכקייט אין דער פראצעדור. דעריבער וועל איך אלץ זיין זייער קלאר און אויסשמועסן גענוי וואס איך האב אלץ צוגעשטעלט און פארוואס עס איז ווערד דעם פרייז, און איך וועל ציילן דעם קליענט וויאזוי דאס האט אים געהאלפן ארויסקריכן פון פראבלעמען און פארמיידן צוקונפטיגע פלאנטערס. "געפיל" מיט "קאמאן סענס" זענען לאו דוקא א סתירה. אבער, געדענקט אז נאך אלעם איז "קאמאן סענס" דאס וואס באצאלט די בילס.

דאס מיינט נישט אז ס'איז נישט דא קיין פלאץ פאר "חסד" אין ביזנעס; אוודאי איז דא! אבער מ'דארף וויסן וואו צו שטעלן די ליניע. חסד און רחמנות איז א מורא'דיגע זאך, און דאס איז אייגנטליך פון די סימנים פון א איד, אבער נישט ווען ס'גייט אויפן חשבון פון אייער אייגענער ביזנעס און וואוילזיין.

אויב איר טרעפט זיך אמאל אין אזא סיטואציע, געדענקט איין זאך: אויב אייער הויפט ציל אין ביזנעס איז צו הנאה האבן פון וואס איר טוט און העלפן אנדערע, דאן פירט איר נישט קיין ביזנעס - איר פירט אן ארגאניזאציע... און אן ארגאניזאציע האלט זיך אויף דורך נדבות, נישט דורך רעכענונגן געלט פון קליענטן.

אבער ווען אייער הויפט פאקוס איז צו פארדינען געלט, טוט איר דערמיט בויען א סטאבילערטע וואס ערמעגליכט אייך צו אנגיין ווייטער מיט וואס איר גלייכט און גלייכצייטיג ארויסהעלפן אנדערע אויפן וועג. אלזא, לייגט אייערע פראפיטן ביים שפיץ, און די הנאה און חסד וועט שוין נאכפאלגן.

זיך צו פארבינדן מיט ר' חיים ווייסבערג, CPA, קענט איר רופן 718.475.1455 אדער שיקן אן אימעיל צו info@mountaindeer.com.

The information provided in this article is for general informational purposes only and is not intended, nor should it be construed, as tax, legal, or regulatory advice. For specific advice related to your business, taxes, or regulatory matters, please consult a qualified professional.

YOUR ELECTRICAL

# PROBLEM · SOLVING

# HASSLE · FREE




ELECTRICAL SERVICE

- SERVING THE TRI STATE AREA
- SAME DAY SERVICE
- QUICK AND RELIABLE SERVICES
- 24 HOUR EMERGENCY LINE

24

CURRENT
HOME SERVICES

CALL TEXT OR WHATSAPP:
**718.689.5577**

EMAIL US AT:
**office@currenthomeservices.com**

# העכער דיינע סעיווינגס; נישט דיין געהאלט

מיר גלייבן אז געוויסע ליינער ווערן שוין נמאס ווען מ'האלט שוין נאכן איבערקייען די נושא הונדערטער מאל, און דא רעדט מען ווייטער דערפון מיט א געוואלדיגער פרישקייט... אבער אזוי לאנג ווי עס איז נישט קלאר אז עס האט שוין אויפגעטון וואס עס דארף און די אויפפירונג איז געטוישט געווארן, האט מען נישט קיין צווייטע ברירה נאר צו רעדן דערפון נאך עטליכע הונדערט מאל, ביז עס וועט שלאגן ווארצלען בסייעתא דשמיא.

אצינד וועלן מיר נעמען דעם שמועס א טריט ווייטער, איבער דער נושא פון אוועקלייגן און אפשפארן געלט.

איך האב געהאט לעצטנס א שמועס מיט א איד וועמענ'ס עלטסטער קינד דערנענטערט זיך שוין צום שידוכים יארגאנג. דער איד האט שיין פרנסה, און פארדינט ארום פיר הונדערט טויזנט דאלער א יאר.

דער איד איז בכלל נישט איינער וואס פירט א בעל הבית'ישן לעבנסשטייגער - אזוי צו זאגן. אבער רעדנדיג מיט אים איבער זיין פינאנציעלן צושטאנד זאגט ער מיר אזוי מסיח לפי תומו אז ער שטופט שווערליך דורך דאס יאר.

איך בין געווארן זייער ערשטוינט דאס צו הערן: דא רעדט מען פון א איד וואס פארדינט גאר שיין, ער האט נאך אפילו נישט חתונה געמאכט זיין ערשטע קינד, און מיט דעם אלעם דעקט ער זיך קוים מיט שוועריגקייטן.

עס איז זייער ווייטאגליך דאס צו הערן, און דאס איז א דירעקטער רעזולטאט פון לעבן אלע יארן מיט דעם אומריכטיגן צוגאנג. אין יענע יארן אנערקענט מען שוין דעם טעות, אבער דאן איז שוין צו שפעט צוריקצודרייען דעם זייגער.

אלזא, לאמיר נישטווארטן ביז ס'איז צו שפעט. לאמיר זיך כאפן באצייטנס, און זיכער מאכן אז מיר באגייען נישט דעם טעות.

ווען א צוואנציג יעריגער יונגערמאן לאזט זיך ארויס אויף דער יארכע זוכן א דזשאב, וועט ער געווענליך האלטן פאר די אויגן בלויז איין זאך: וואו קען מען באקומען א העכערע געהאלט?

דאס מציאות איז אז אין די יונגערע יארן, ווען מען האט נאכנישט דעם בליק איבער וויאזוי עס שטעלט זיך אויס שפעטער אין לעבן ווען מ'דארף חתונה מאכן די קינדער, האט מען זייער א געצוימטן בליק און מ'זעט נישט קיין שום פאקטאר חוץ פון וויפיל מ'וועט פארדינען אויף דעם פאסטן. לויט דעם מעסט מען סוקסעס. און מען נעמט אן די הנחה אז איינמאל מען איז אנגעקומען צו זיין "סוקסעספול", באדייט דאס אויטאמאטיש אז מען וועט נישט האבן קיין שום פינאנציאעלע שוועריקייטן.

אין א פריערדיגן ארטיקל איבער דער נושא פון אינוועסטירן, האבן מיר אויסגעשמועסט דעם פאקטאר פון Compound אויף אינוועסטמענטס, וואס באדייט - אויפן שפיץ גאפל - אז דער וואוקס פון יעדן יאר איז אלץ מער ווי א יאר בעפאר, וויבאלד דער אינטערעסט פון פאראיאר וואקסט אויך.

מענטשן ווייסן אז ס'איז דא אזא זאך ווי Compound אויף אינוועסטירונגען, מענטשן ווייסן אז ס'איז דא אזא זאך ווי Compound אויף אינטערעסט צאלונגען, אבער וואס מענטשן ווייסן נישט אז ווען עס קומט צו געלט וואס מען שפענדט אינעם טאג טעגליכן לעבן איז אויך דא אזא זאך ווי Compound.

דער פאקט איז אז ווען א מענטש פארדינט מער געלט, וועלן זיינע הוצאות אויטאמאטיש ארויפגיין; ער וועט זיך טרעפן אויסגעבן אויף זאכן וואס ער האט זיך נישט ערלויבט בעפאר, אבער יעצט איז דאס א "מוז" ביי אים אין מח. (און נאכדעם וועט ער אריינרופן דעם פידבעק נומער פון "אידיש געלט" און לאזן א מעסעדזש אז מיר שרייבן נישט רעאליסטיש..)

און מען רעדט נישט פון לוקסוסריעזע זאכן, ווי פארן עטליכע וואכן פארברענגען אין שווייץ, נאר פון זאכן וואס ער וועט באמת האלטן אז זיי זענען לעבנסוויכטיג. זיין סטאנדארט פון לעבן העכערט זיך ווי פון זיך אליין, און די טאג-טעגליכע לעבנס-קאסטן שפרינגען ארויף.

איז לאמיר אייך פרעגן אזוי: לאמיר נעמען א יונגערמאן וואס זייענדיג פינף-און-צוואנציג יאר אלט האט ער פארדינט הונדערט פופציג טויזנט דאלער א יאר, און האט זינט דעמאלט אויסגעשטעלט זיין לעבן אויף א וועג אז ער האט מצליח געווען צו אינוועסטירן א גרויסן פראצענט פון זיין געהאלט דורכאויס צען-פופצן יאר. במשך די יארן האט ער דא-דארט באקומען געהאלט העכערונגען, אבער נישט קיין גרויסע זאכן; יעצט ווען ער איז פערציג יאר אלט פארדינט ער ארום צוויי הונדערט טויזנט א יאר.

ווער פון זיי איז מער סוקסעספול? דער יונגערמאן וואס פארדינט צוויי הונדערט טויזנט א יאר און האט אוועקגעלייגט שווערע געלטער, אדער א יונגערמאן וואס פארדינט פיר הונדערט טויזנט דאלער א יאר אבער האט נישט

דוד געלב
845.200.3313 #111
Yiddishgelt@theyingerman.com

אוועקגעלייגט קיין ערנסטע סומעס? ווער פון זיי האט מער פאטענציאל צו אויסלעבן די יארן מיט ישוב הדעת און הרחבת הדעת און חתונה מאכן די קינדער מיט א רואיגקייט?

אדרבה, איר קענט אליין צוגיין צו די אידן וועלכע פארדינען פיר הונדערט טויזנט דאלער, און זיי פרעגן צי זיי לעבן מיט הרחבה און צי זיי דעקן זיך דעם יאר.

דאס מציאות איז אז רוב פון זיי וועלן נישט ענטפערן א ברייטן "יא, זיכער".

און יעצט כאפט א בליק אויף דעם יונגערמאן וואס פארדינט נישט אזוי סאך, אבער האט אינוועסטירט א פארמעגן. ער איז אנגעקומען צו א גאר הויכן געהאלט? ניין. אבער מיט דעם אלעם שטייט ער אויף א פיל בעסערן מצב ווי זיינע חברים וועלכע פארדינען דאפלט ווי אים.

אלזא, הערט אויף צו לייגן דעם גאנצן פאקוס אויף וויפיל איר קענט פארדינען. ווי געשמועסט וועט א העכערע געהאלט אייך גארנישט ברענגען, אויסער א לעבנס-סטאנדארט וואס וועט זיך אויטאמאטיש הייבן.

אנשטאט דעם הייבט אן צו לייגן אייער געוויכט אויף וויפיל איר קענט שניידן פון די הוצאות, און וויפיל איר קענט אוועקלייגן און אינוועסטירן. דאס איז דער מהלך וואס וועט אייך בעז"ה פירן צו סוקסעס.

קודם כל: ווען איר גייט מיט דעם מהלך זענט איר א זיכערער געווינער, ווייל דאס וועט אויטאמאטיש ברענגען אז איר זאלט אוועקלייגן פיל מער געלט – אפגעזען וויפיל איר פארדינט.

צווייטנס, האב איך געהערט פון א ליינער, א יונגערמאן אין די נידריגע צוואנציגער יארן, נאך

↵

# האט איר א הויז וואס שטייט ליידיג?

די פארגאנגענע 10 יאר האב איך ב"ה געהאלפן הונדערטער אינוועסטערס און לענדלארדס צו פארדינגען הייזער פאר נישט אידישע טענעטס

**טאפ דאללער רענט**
*
**פארדינען און 1-5 טעג**
*
**גרינגע און שנעלע ארבייט**
*
**בעסטע און פערזענליכע סערוויס**

איבעראל אין אראנדש
און ראלענד קאונטי

רופט אדער טעקסט
יעקב הערש גוטמאן
845-274-4460

# אידיש געלט

מער ווי דעם, אז עס האט שוין יעצט געטוישט זיין לעבן.

ער פארציילט אז ער פארדינט ארום אכציג טויזנט דאלער א יאר, און ער פלעגט טאקע אלץ זיין פארנומען וויאזוי ער קען פארדינען מער; דאס איז געווען זיין גאנצער פאקוס. (אוודאי דארף מען פארדינען דאס מערסטע וואס מ'קען, אבער דער "פאקוס" דארף נישט זיין אויף דעם.) זינט ער האט אנגעהויבן ליינען אונזערע ארטיקלען האט ער ממש געטוישט זיין גאנצן בליק אויף דעם, און ער האט אנגעהויבן זען וואו ער קען שניידן און וויפיל ער קען אוועקלייגן.

זאגט דער יונגערמאן, אז זינט ער האט געטוישט זיין געדאנקענגאנג, איז ער פיל רואיגער און קען ארבעטן מיט א קלארן קאפ, אן זיין פארנומען צו טראכטן וויאזוי ער קען העכערן זיין געהאלט. דאס וויסן אז ער אינוועסטירט אין זיין צוקונפט, ברענגט אים א רואיגקייט וואס נאך פופציג טויזנט דאלער א יאר וואלט אים נישט געקענט ברענגען.

מיט ארום פופציג יאר צוריק איז געווען א תקופה ווען ס'איז אנשטאנען אן ערנסטן זארג אז נאך אביסל וועט נישט זיין גענוג צו נאכקומען די פארברייטערטע געברויכן וואס די וועלט דארף.

וואס האט מען למעשה געטון דערצו? מ'איז געווען געצווינגען צו אריינברענגען אנדערע מהלכים פון צושטעלן ענערגיע, ווי עלעקטריק וכדו', כדי צו פארזיכערן אז מ'טרעפט זיך נישט אן קיין קוואל פון ענערגיע וואס קען נאכקומען די באדערפענישן פון דער גאנצער וועלט.

דאס האט געברענגט אז היינט-צוטאגס איז מען פיל וויניגער אנגעוויזן אויף אויל און גאז. פארוואס? ווייל מ'האט גענומען די נויטיגע שריט צו זיין אנגעוויזן אין טייל אויף עלעקטריק. אזוי ארום איז מען א זיכערער געווינער, אז אפילו אין פאל מ'האט נישט גענוג אויל און גאז, האט מען א צווייטער קוואל וואו זיך צו ווענדן.

ווען איר נעמט זיך צו אייערע הוצאות און איר קוקט ווי איר קענט שניידן, זענט איר א זיכערער געווינער בסייעתא דשמיא. און הגם מיר רעדן בעיקר צו יונגערע יונגעלייט, איז אבער קלאר אז אפילו יונגעלייט וואס זענען שוין עלטער קענען טרעפן מערערע זאכן וואס זיי קענען שניידן.

איר זענט א געווינער מיט דעם אז איר קענט אפשפארן און אינוועסטירן גרויסע סומעס יעדן יאר, און בעז"ה קענען לעבן מיט הרחבת הדעת ווען איר דערגרייכט די פערציג.

אבער באמת גייט עס נאך ווייטער ווי דעם: דער עצם פאקט אז א יונגערמאן האט אנגעזאמלט – לאמיר זאגן – הונדערט טויזנט דאלער פאר דער חתונה פון יעדן קינד באזונדער, פארזיכערט נאכנישט אז ער וועט קענען דעקן אלע הוצאות ביים חתונה מאכן. לאמיר זיך נישט נארן: לויט ווי עס גייט יעצט, וועט מען אין פופצן יאר ארוםווארשיינליך נישט חתונה מאכן פאר אונטער הונדערט פופציג טויזנט דאלער א צד.

אבער, ווען איינער באווייזט במשך פופצן-צוואנציג יאר צו אינוועסטירן הונדערט טויזנט דאלער פאר יעדן קינד, קען איך זיין רואיג אז איין וועג אדער דעם אנדערן וועט ער נישט אריינפאלן אין חובות, בס"ד.

פארוואס? ווייל דער פאקט אז ער האט דאס באוויזן, צייגט אז ער איז שוין גענוג טרענירט און געלערנט צו טון אלעס אויף דער וועלט נישט צו אריינפאלן אין חובות.

דאס אז ער האט דאס געלט צו חתונה מאכן איז נישט קיין גאראנטי אז ער וועט עס קענען דעקן פון דעם אייגענעם טאש; דאס אז ער האט באוויזן דורכאויס די אלע יארן זיך צו האלטן שטארק און אוועקלייגן די גרויסע סומעס – דאס איז דער גאראנטי! נאר מיט סייעתא דשמיא פארשטייט זיך.

עס איז נישט קיין לייכטע זאך, און א מענטש וואס האט דאס באוויזן, איז קלאר בלי שום ספק אז ער האט געהארעוועט צו טוישן זיין אויפפירונג און געטון אלעס אין דער וועלט צו קענען לעבן מיט הרחבת הדעת און נישט אריינפאלן אין חובות. דעריבער קען מען זיין רואיג אז יעצט וועט נישט זיין אנדערש, און ער וועט בעז"ה אויסמיידן דעם חובות לאך פאר יעדן פרייז.

ווי פארשטענדליך זענען מיר נישט אין הימל, און מיר ווייסן נישט וויאזוי דער אויבערשטער וועט פירן. אלעס איז דאך אין זיינע הענט, און מיט אלע פארזיכערונגען אינאיינעם קענען זיך זאכן אויסשטעלן אנדערש. אבער וואס מיר קענען יא טון, איז דאס מינימאלע השתדלות פון אונזער זייט צו אוועקשטעלן א געזונטן פינאנציעלן עתיד און פארמיידן פון אריינפאלן אין חובות.

The information furnished in this article is for informational purposes only. The information does not and should not be considered to constitute an offer to buy or sell securities. The information should not be relied upon by any person to make an investment decision.

# Fund your investment smoothly



**Price Match Guarantee**
with any other lender or brokerage.

avrumy.com

- Residential & commercial
- No income needed
- Fast and reliable
- Get funded in 14 days

**No-Doc DSCR Loans:** Unique Financing Options

- 75% Cash-Out Refinance: Access up to 75% of your property's value immediately after closing, with no seasoning period required.
- 85% Loan-to-Value (LTV): Secure up to 85% financing for both purchases and rate-and-term refinances.
- Bridge & Construction Loans: Obtain up to 90% LTV for property purchases and 100% financing for construction costs (experience required).

THE EXPERTS IN NO-DOC LOANS

**YS CAPITAL**
GROUP

718-635-0277

NMLS ID: 2609746

**REACH OUT TODAY TO GET YOUR NO-DOC LOAN STARTED**

**Yehuda Bochner**
YEHUDA@YSCAPGROUP.COM | 929-722-3362

**Samual Stein**
SAMUAL@YSCAPGROUP.COM | 347-988-8722

**Shlome Katz**
SOLOMON@YSCAPGROUP.COM | 845-324-3818

**Yosef Cohan**
YOSEF@YSCAPGROUP.COM | 347-461-8924

**JOIN THE YS CAPITAL TEAM**
email: join@yscapgroup.com

YS Capital Group is a licensed mortgage broker. NMLS ID #2609746. All loans are subject to approval based on creditworthiness, property evaluation, and other underwriting criteria. This is not a commitment to lend. Terms and conditions are subject to change without notice. 'No income needed' refers to specific loan programs and may require DSCR verification or other qualifications. Funding timelines, including 'Get funded in 14 days,' are subject to delays based on borrower, property, and program-specific conditions. Equal Housing Opportunity. Loans are not available in all states—contact us to verify eligibility in your state. For more information, visit www.yscapgroup.com. YS Capital Group offers a Price Match Guarantee on all loan programs. Terms and conditions apply. To qualify, borrowers must provide a valid, written offer from a licensed lender or mortgage brokerage. Price Match Guarantee does not constitute a commitment to lend and is subject to underwriting and eligibility criteria.

EQUAL HOUSING OPPORTUNITY




## Right in time.

Add an extra space to host, lounge, and eat your סעודות in peace. Order The Instant Sukkah now to receive it in time for שבת הגדול —plus, get a free heater!

845.357.5718 | sales@tristateawnings.com

Tri State Awnings®

the INSTANT SUKKAH

100 Sterling Mine Rd.
Sloatsburg, NY 10974
theinstantsukkah .com



# די סוכות אינגערמאן אויסגאבע גייט צום דרוק זונטאג פרשת האזינו

# די פסח אינגערמאן אויסגאבע גייט צום דרוק היינטיגן פרייטאג



שיקט אריין **אייער עד באצייטנס**, איר
זאלט **נישט דארפן ווארטן** זעקס חדשים
ביז **דער קומענדיגער יו"ט** אויסגאבע

**אינגערמאַן**

**MENDY REISMAN** 845.666.0056 EXT. 3
mendy@theyingerman.com
SALES MANAGER

**SHMAYA ZICHERMAN** 845.666.0056 EXT. 113
sz@theyingerman.com
CLIENT RELATIONSHIP

**YAKOV YOSEF GREENBAUM** 845.666.0056 EXT. 105
yossi@theyingerman.com
CLIENT RELATIONSHIP

# און וואס זאגט דער עולם?

## הוספות פון לײנער איבער די "געהאלט העכערונג"

וי געשריבן פארגאנגענער וואך זענען אריינגעקומען גוטע און באלערנדע הערות און ערפארונגען פון די לײנער איבער דער טעמע וואס מיר האבן אזוי ברייט צונומען. צווישן זיי זענען אוודאי געווען ערשטהאנטיגע עפיזאדן ווי די ארטיקלען זענען ב"ה געווען גאר ווירקזאם, ביי יעדן לויט זייער צושטאנד, סיי פאר בעלי בתים און סיי פאר ארבעטער.

עס איז אינטערעסאנט צו זען וויאזוי יעדער נעמט ארויס זיין חלק פון דער מעשה. און אפילו אויב צומאל קוקט אויס אז מיר זענען מער גענויגט צו איינער פון די צוויי זייטן, אז עס לאזט זיך גאר זאגן אז מיר פארשטייען בלויז איין צד, אבער ווען מיר הערן צוריק פון די לײנער פון ביידע זייטן מיט א שטארקייט, איז עס ווי א באשטעטיגונג אז מיר לייגן זיך אריין גאר שטארק אין יעדן מצב צו ארויסהעלפן די לײנער אויף סיי וועלכער זייט מען געפינט זיך.

אצינד וועלן מיר פארלייגן א מעסעדזש וואס איז אריינגעקומען דורך א חשוב'ן און שטענדיגן לײנער, וואס לייגט צו זיין ערפארונג זייענדיג א פירער אין שפיץ פון א פירמע. לײענענדיג אין אונזערע ארטיקלען די נקודה אז אחריות איז ממש דער שליסל צו קענען שטייגן אין ראנג או"ו, האט ער גענומען די מיה און אפגעשריבן דברים כהוויתן ביי אים אין פירמע.

מיר האבן אים געבעטן זיין נאמען אין קורצן, כדי עס צו קענען ברענגען פאר די לײנער מיט אן אויטענטישקייט, אויף וואס ער האט רעגאירט מיט "מ.א."

אלזא, מיר געבן איבער דאס ווארט פאר ר' מ. און מיר וועלן הערן זיין שילדערונג אין זיינע ווערטער:

*די וואך האט איר אנגעכאפט די טעמע זייער גוט און ממש צום פינטל, וויבאלד אחריות איז טאקע ממש דער הויפט פאקטאר ביי ארבעטער. צו פארשטיין די חילוקים דערביי וואלט איך עס צוטיילט אין דריי קאטעגאריעס (דאס זענען אמת'ע מעשיות און עפיזאדן וואס האבן זיך אפגעשפילט אין מיין פירמע):*

*לאמיר אנהייבן פון דער שוואכסטער דרגה: דער ערשטער שטאפל איז אומ'אחריות'דיג. עס קען אוודאי נישט מיינען קיין שום אחריות, וויבאלד דאן פארלאנגט זיך אים גלייך אויפצוזאגן – מען רעדט פון איינעם וואס טוט בעצם מער-ווייניגער א גוטע ארבעט מיט וואס ער איז באאויפטראגט געווארן, נאר ווען עס קומט אונטער סיי וואספארא "טשעלענדזש", ווי למשל ער גייט אויף וואקאציע – צו וואס ער איז בארעכטיגט – פאלט אלעס ארויף אויפן בעה"ב זיך צו ספראווענען דערמיט.*

*נומער צוויי אין דער רייע איז איינער וואס טוט די ארבעט גאר גענויט און מיט אן אחריות, און מאכט זיכער אלעס אויסצופילן צום בעסטן, די ליסטע פון זיין ארבעט ווערט יעדן טאג פארענדיגט. ווען עס קומט צו גיין וואקאציע וועט ער זיכער מאכן בעפאר אז עס זאל אויסקומען אין אזוינע טעג ווען עס וועט נישט שטערן אזוי שטארק פאר דער פירמע, און אויסרעכענען אז עס זאלן נישט ארויספאלן קיין דאגות אויפן בעה"ב בשעת ער איז נישט דארט, נאר זאל ווערן איבערגעגעבן פאר אנדערע א.ד.ג.*

*נומער דריי האט אוודאי די קוואליפיקאציעס פון די ערשטע צוויי, און אין צוגאב מאכט ער שטענדיג זיכער צו פארבעסערן זאכן אז עס זאל פארן מער גלאטיג און געשמירט, אפילו עס איז נישט אפיציעל זיין ארבעט. און ווען דער בעה"ב וועט פרעגן ווער עס האט צייט פאר עפעס, וועט ער זיין דער ערשטער זיך אנצורופן פרייוויליג.*

*אצינד ווען עס קומט די צייט פאר א געהאלט העכערונג וועט עס צוגיין ווי פאלגנד: ארבעטער נומער איינס, וועט מען טרעפן יעדן סארט אויסרייד פארוואס מען קען נישט יעצט געבן קיין העכערונג.*

*ארבעטער נומער צוויי, וועט מען קודם פארהאנדלען מיט דעם פרייז וואס ער בעט, אבער צום סוף וועט ער עס באקומען.*

*ארבעטער נומער דריי, וועט באקומען זיין פארלאנג אויפן פלאץ, מיט נאך געלעגנהייטן צו ווערן געהויבן אין ראנג אז זיין געהאלט זאל קענען נאך מער געהויבן ווערן ווען די צייט קומט.*

*און זעלבסטפארשטענדליך אז ווען מען וועט דארפן שניידן פון די ארבעטער – וואס איז שוין אויסגעקומען צוויי מאל – וועט עס צוגיין לויט דעם זעלבן סדר, אנגעהויבן פונעם ערשטן און ווייטער.*

*דאס זענען זאכן וואס האבן זיך ווי פון זיך אליין אויסגעשטעלט צו גיין אויף דעם מהלך, און איך האב זיך נישט אראפגעזעצט און אפגעשריבן א פראטאקאל וויאזוי זאכן זאלן צוגיין דעמאלט און דעמאלט.*

ביז אהער איז דער מעסעדזש פון ר' מ.א.

מיר האבן זיך שיין באדאנקט פאר אים פאר'ן עס אפשרייבן אזוי קלאר, און געבעטן רשות עס צו פובליצירן, אויף וואס ער האט בחפץ לב מסכים געווען.

קודם כל איז וויכטיג צו באטאנען אז אויבנאויף קוקן די דריי ארבעטער נישט אויס צו זיין צופיל אנדערש איינער פונעם צווייטן. דאס הייסט אז אין דער טאג טעגליכער ווירטשאפט פירן זיי מער-ווייניגער אויס זייערע פליכטן אויף בערך דעם זעלבן פארנעם, און טראץ וואס ס'איז דא א חילוק צווישן זיי, איז עס נישט קיין גרויסער דיפערענץ און עפעס וואס שרייט. אבער ווען עס קומט צו געבן א העכערונג, דארט זעט מען שוין איינמאל ווי ווייט אנדערש זיי זענען איינער פון צווייטן, און ווי ווייט די "קלייניגקייטן" מאכן אויס.

עס בלייבט נאר איבער צוצולייגן אז אויב איר געפינט זיך דאס פלאץ אין דער קאטעגאריע פון ארבעטער-נומער-איינס אדער אפילו נומער-צוויי,

## איתמר טובי' פריעדמאן

האט נישט קיין טענות אויף אייער בעה"ב ווען איר באקומט א קאץ-און-מויז שפיל אלס רעאקציע צו אייער פארלאנג פאר א העכערונג. איר קענט האבן טענות אויף אייך זעלבסט.

צווייטנס, האט נישט קיין טענות פארוואס יענער ארבעטער באקומט מער אויפמערקזאמקייט ווי אייך אדער גאר בעסער באצאלט. דער רעצעפט ליגט פאר אייערע אויגן.

דער עיקר וואס איז מיר מורא'דיג געפאָלן פון דעם מעסעדזש, איז די געוואלדיגע קלארקייט וויאזוי עס גייט צו, גענוי ווי מיר האבן פארגעלייגט פאר די ליינער, אז אט אזוי שפילט זיך אויס ווען מען טוט אזוי צי אזוי. עס האט געקענט אויסקוקן ווי א פיקציע ביכל, אבער אצינד נאכן אפליינען זיינע שורות זעט מען קלאר און שארף די תוצאה פון יעדן סארט אויפפירונג.

לגבי ארבעטער נומער דריי האבן מיר גראדע אויך נאכגעהערט פון מערערע בעלי בתים, אז זיי האבן שטענדיג אן אפענע טיר פאר סיי וואס זיי פארלאנגען. און אפילו אויב די פירמע קען זיך דאן נישט ערלויבן מער, וועט מען דאך פרובירן זיי צו פארגיטיגן מיט וואס מעגליך. און אויף דער פראגע, "און וואס טוסטו אויב ער ווערט אן אויסנוצער און בעט אנע חשבון?" איז דער ענטפער געווען גאר א ציפעדיגער: "א גוטער און געטרייער ארבעטער, איז נישט קיין אויסנוצער."

אצינד האט איר שוין נאך א מעסטער צו זען אויב איר זענט א געטרייער ארבעטער...

פארשטייט זיך אז עס קען אלץ זיין זאכן וואס מיר שרייבן וואס זענען געשריבן געווארן פאר'ן כלל, און אייער פאל קען זיין אנדערש, און עס פאלט נישט אריין אין די אנגענומענע כללים. דעריבער קענט איר זיך שטענדיג פארבינדן מיט אונז, סיי אויב איר זענט אן ארבעטער און זיכער אויב איר זענט א בעה"ב, צו אנפרעגן איבער אייער פערזענליכער סיטואציע, און מיר וועלן אייך בעז"ה ארויסהעלפן.

היות מענטשן בעטן כסדר פאר ערשטהאנטיגע עפיזאדן וואס מיר האבן געהאט מיט קליענטן, וועלן מיר צוענדיגן מיט אן אינטערעסאנטן עפיזאד.

מיר האבן געהאט א סעסיע מיט א יונגערמאן וואס האט געוואלט אויסשמועסן זיין געהאלט העכערונג. מיר זענען קודם דורכגעגאנגען מיט אים אלע טרוקענע פאקטארן, אריינגערעכנט ווי צופרידן ער איז מיט זיין פאזיציע און צי ער וואלט יא אדער נישט געווען גרייט ארויסצוגיין, און נאך פילע פראגעס וואס געבן דעם קלארן בילד פון דער מעשה.

ווען מיר האבן געהאט א קלארע בילד, זענען מיר דורכגעגאנגען מיט אים אויף וועלכן געהאלט ער וואלט בשום אופן נישט געוואלט בלייבן, און מיט וויפיל ער איז יא גרייט צו שטופן פאראויס. מען האט אפגעמאכט וואס די קלארע נומערן זענען, און צי ער איז גרייט צוווארטן אויף א גרעסערן געהאלט אז עס זאל קומען אביסל שפעטער.

ער איז ב"ה ארויס זייער צופרידן פונעם שמועס - וואס האט גראדע גענומען נישט מער ווי 45 מינוט - און ער האט באקומען א געוואלדיגע קלארקייט איבער וואס ער קען און וואס ער וויל פארלאנגען. ער איז עס געגאנגען פארשטעלן פאר זיינע בעלי בתים, און זיי זענען ב"ה פולשטענדיג איינגעגאנגען אויף זיינע פארלאנגען (אויף וואס מיר קענען צולייגן "בדרך הטבע", וויבאלד די נומערן האבן געמאכט סענס און ער האט נישט געבעטן אין דער וועלט אריין).

ער האט זיך דערנאך זייער באדאנקט פאר דער סעסיע, וויבאלד עס האט געהאלטן ביים שוועל פון א געפעכט אויסברוך אז מען פארשטייט נישט די ווערד וואס ער ברענגט צו דער פירמע, א.א.וו.

דער עפיזאד קען זיך הערן גאנץ פשוט און טרוקן. אבער אויב עס געלונגט אייך יא ארויסצושמעקן אלע דעטאלן, דאן איז עס זייער באלערנד. K

איתמר טובי' פריעדמאן 845-662-3684
CEO Iteam it@iteamfl.com
ר' איתמר טובי' פריעדמאן איז א קאנסולטענט אינעם תחום פון בעלי בתים מיט ארבייטער מיט פילע יארן ערפארונג



▶ MUSIC ▶ ART ▶ MINIATURES

# גיב איהם א גוטן טאג,
# פול מיט הנאה



אין גוטאג בליען קינדער
מיט אַרט, מוזיק און
קריעטיווע האנד-ארבעט צו
אויסדרוקן זייער טאלאנטן,
געפילן און צו אנטוויקלען
כוחות. געב דיין קינד די
געלעגנהייט צו אנטדעקן
זיך און ארויסגעבן זיינע
טאלאנטן וואס וועט איהם
נאר העלפן שטייגן ווייטער!

CLASSES

אזוויו ס'דארף צו זיין!

אנגעפירט דורכ'ן טאלאנטפולן
ר' **דוד הערשקאוויטש** הי"ו

פלעצער זענען באגרעניצט:
845.666.8664
TOOG

KAYGROUP.CO




# כאַפצעם!

## ביטע באשטעטיגן אייער וואלמארט ארדער

א גוטן, כ'האב געוואלט פארציילן א מעשה וואס כ'האב נעכטן געהאט.

איך האב באקומען א טעלעפאן קאל פון וואלמארט מיט אן אויטאמאטיש רעקארדירטן מעסעדזש, אז ס'איז דא אן ארדער אויף מיין אקאונט פון צוויי זאכן וואס קומט אויס צו איבער אכט הונדערט דאלער אין טאטאל, און זיי ווילן באשטעטיגן דעם ארדער.

דער סיסטעם האט געזאגט אז איך זאל דריקן איינס צו קענסלען דעם ארדער, אדער צוויי צו רעדן צו אן ארבעטער.

איך האב געדרוקט איינס, ווייל כ'האב דאך נישט געוואוסט פון אזא ארדער צו זאגן, און כ'האב עס געוואלט קענסלען. עס האט געגעבן איין קורצן קלינג און איינער האט אויפגעהויבן מיט א קענטליך פרעמדן אקצענט.

דאן האב איך אנגעהויבן טראכטן אז עפעס זעט עס אויס פארדעכטיגט, און כ'האב באשלאסן אראפצולייגן און אריינרופן וואלמארט זיכער צו מאכן אז ס'איז טאקע פון זיי.

למעשה ווען כ'האב אריינגערופן וואלמארט האב איך געדארפטווארטן אפאר מינוט, און כ'האב דאן געטראכט אז ס'איז זיכער א סקעם, ווייל כ'האב נאך קיינמאל נישט געהערט אזא זאך אז אזא גרויסע קאמפאני זאל אנרופן מענטשן זאגן אז זיי דארפן באשטעטיגן זייער ארדער.

איך האב אראפגעלייגט דעם טעלעפאן, און דערווייל האב איך נישט געזען אז מ'זאל טשארדזשן מיין קארטל, ב"ה.

## ונשמרתם:

- קיין שום לעגיטימע קאמפאני שיקט נישט ארויס אזעלכע טעלעפאן רופן וואס בעטן דעם קאסטומער צו באשטעטיגן אן ארדער. איר קענט זיין זיכער אז ס'איז א סקעם.
- ווי אלעמאל: אין א פאל פון סיי וועלכן ספק זוכט מען אויף דעם ריכטיגן נומער פון דער קאמפאני און מען רופט זיי אריין.

האט איר מיטגעלעבט א שווינדל פרואוו אויף די אייגענע הויט? האלט עס נישט ביי אייך. זייט עס מפרסם און ראטעוועט אנדערע פון אריינפאלן דערין. לאזט איבער א מעסעדזש אויף 845-200-3313 #102 אדער שיקט עס אריין צו qa@theyingerman.com



MGM HelloMGM.com

בעזהשי"ת

# גרייט ארייַנצומופן!!

## 3 FORSHEE STREET
Monroe, NY 10950




קומענדיגע יו"ט פסח הבעל"ט, מופט אריין אין דעם הערליכן ברענד נוי הויז!
גרינג ארייַנצוואוקן צום שטעטל!

BEAUTIFUL UPDATED HOUSE

ווייניגער ווי א מינוט פון די הערליכע באוואוינטע העלף האללא געגנט

**Option to Buy the Up and Down**

# ONLY FOR $949K!

**$250 Per SF**
**3,858 sqft X $250 = $949K**
**+326 Sqft.** Garage







**3,858 + SQ.FT** // **0.189 Acre**
**5 Bedrooms** // **4 Bathrooms**
**+326 Sqft**. Garage & **1,747 sqft**. Basement.
**10' ceiling** // + **Many more**

## HUGE PRICE DROP

**Asking price:** *Only* **$1,099,000**

SELL. BUY. RENT. LEASE · COMMERCIAL · Since 2011 · RESIDENTIAL · ONE CALL DOES IT ALL

**MK REALTY**
Residential & Commercial

LISTING AGENT
**משה שמחה קויפמאן**
לייסענס# 10311206102
**845.782.0205 x101**

LISTING AGENT
**אליעזר דוד האפפמאן**
לייסענס# 10401304475
**845.782.0205 x108**

**דוד לייב קרויס**
לייסענס# 10401317322
**845.274.3765**

**נפתלי הירצקא זינגער**
לייסענס# 10401300864
**845.728.1429**

**אברהם חיים לעווי**
לייסענס# 10401327281
**845.238.1162**

**אברהם הערש גפן**
לייסענס# 10401378950
**845.837.0943**

**845.782.0205**
sales@mkrealtyusa.com
48 Bakertown Road
Suite 512, Monroe NY

אלעס ארום
דעם נושא פון
געזונטהייט

# וויפיל דארף מען עסן?

ביז אהער האבן מיר אויסגעשמועסט די וויכטיגקייט פון באלאנסירן די דריי נוטריענטס, און וויפיל מ'דארף עסן פון יעדן פון זיי. אצינד אז מיר ווייסן שוין וויפיל פראצענט פונעם מאלצייט יעדן נוטריענט דארף פארנעמען, שטעלט זיך די שאלה: וויפיל דארף מען בכלל עסן? וויפיל און ווי גרויס דארף זיין דער קוואנטום פון יעדן מאלצייט?

אין דער היינטיגער וועלט איז שטארק אנגענומען דאס צו מעסטן מיט קאלאריעס. ווי אויסגעשמועסט איז קאלאריעס די ענערגיע וואס עסן גיבט אריין אינעם מענטש, און די מאס פון קאלאריעס איז וואס מ'נוצט געוועגליך ביים אנווייזן פאר מענטשן וויפיל צו עסן. פון איין זייט מוז מען האבן א צאל קאלאריעס כדי צו באקומען די נויטיגע ענערגיע, און פון דער אנדערער זייט, אויב מען האט צופיל קאלאריעס, לייגט זיך עס אן אינעם מענטש און עס גיבט צו איבריגע פונטן.

די פעדעראלע אגענטורן אין אמעריקע וועלכע זענען געשטעלט אויף עסן און געזונט, HHS און USDA, שטעלן ארויס אפיציעלע אנווייזונגען וויפיל צו עסן, וואס זיי רופן: "דיעטע אנווייזונגען פאר אמעריקאנער". (ווי כאילו אמעריקאנער האבן עפעס א ספעציעלן סארט קערפער וואס איז אנדערש ווי אנדערע פעלקער...)

זיי רעקאמענדירן אז מענער זאלן עסן צווישן 2,200 און 3,000 קאלאריעס יעדן טאג, און פרויען זאלן עסן צווישן 1,800 און 2,400 קאלאריעס א טאג. (דאס רעדט מען אלעס פון ערוואקסענע.)

אויב אזוי אז מיר האבן קלארע אנווייזונגען פון דער רעגירונג, זענען מיר דאך לכאורה שוין מסודר און מ'ווייסט וואס מ'האט צו טון; טא צו וואס פעלט אויס דער ארטיקל?

דער ענטפער איז אז עס זענען דא עטליכע פראבלעמען מיט די רעגירונג רעקאמענדאציעס, און מיר וועלן זיי אויסשמועסן איינס-ביי-איינס.

קודם כל, איר קענט אליין זען אז זייער רעקאמענדאציע איז זייער ברייט און אומקלאר: צווישן 2,200 און 3,000 איז דא א מהלך פון אכט הונדערט קאלאריעס... ווי אויך בלייבט עס נישט אלץ ביי דעם, נאר עס ווערט אפטא געטוישט. די סיבה דערצו איז ווייל עס איז נישט מעגליך צו געבן א גלייכן נומער פאר דריי הונדערט מיליאן מענטשן, וויבאלד דער וועג וויאזוי מען פארנוצט קאלאריעס איז ביי יעדן אנדערש, און איינער דארף מער בשעת א צווייטער דארף ווייניגער.

דער וועג וויאזוי און ווי שנעל א מענטש גיבט ארויס און פארנוצט קאלאריעס איז געוואנדן אין פארשידענע פאקטארן. צום ביישפיל: וויפיל ענערגיע דער מענטש דארף האבן צו קענען אנגיין מיט די אינערליכע פונקציעס פונעם קערפער, ווי אטעמען, בלוט צירקולאציע, פראדוצירן צעלן, אא"וו, און אזוי אויך וויפיל ענערגיע דער מענטש פארנוצט דורך פיזישע אקטיוויטעטן. עס זענען דא פארשידענע זאכן וועלכע זענען גורם וויפיל ענערגיע עס זאל פארנוצט ווערן דורך די אלע זאכן, און ס'איז בכלל נישט איינער ביי יעדן.

נאך א פאקטאר וואס שפילט א שטארקע ראלע, איז די פראצעדור פון פארדייען דאס עסן. די פראצעדור איז אויך עפעס וואס פארנוצט קאלאריעס פונעם מענטש, און עס ווענדט זיך שטארק ווענדן וואס און וויפיל ער עסט. צום ביישפיל: פראטעין פאדערט מער ענערגיע צו ווערן פארדייט, און א מענטש וואס עסט אסאך פראטעין וועט דעריבער שנעלער פארלירן זיינע קאלאריעס.

אלזא, קומט אויס אז ס'איז כמעט נישט מעגליך צו האבן א קלארן חשבון גענוי וויפיל קאלאריעס מ'דארף האבן.

עס איז גראדע דא א געוויסע דיעטע וואס איז געבויט פאר דעם, און איז אויסגעשטעלט אויף אן אופן אז מ'האלט חשבון אויף יעדער קאלאריע וואס גייט אריין און יעדער איינציגסטער קאלאריע וואס גייט ארויס. דאס איז בעיקר עפעס וואס ווערט באנוצט ביי ספארטלער, זיך וועלנדיג האלטן אויף א וועג צו האבן דאס מערסטע כח. אבער עס איז נישט קיין נארמאלער מהלך וואס איז געמאכט פאר א געוועגליכן מענטש, און דער באשעפער האט זיכער נישט אוועקגעשטעלט די וועלט אז מ'זאל לעבן אויף אזא וועג.

דער צווייטער פראבלעם מיט די רעגירונג אנווייזונגען איז, אז פראקטיש גערעדט איז אפטמאל שווער זיך צו האלטן דערצו, און קען ברענגען אז דער מענטש זאל ווערן פרוסטריט און פשוט אויפגעבן.

דאס איז איינע פון די סיבות פארוואס מיר באנוצן זיך מיט דער "מעטאבאליק טייפינג דיעטע", וואס איז נישט געבויט אויף ציילן קאלאריעס וכדו'. אויב מ'האלט זיך דערצו ריכטיג וועט מען בעז"ה געוועגליך נישט זיין שטארק הונגעריג, און אויך וועט מען זיך נישט איבערעסן.

דער אויבערשטער האט אונז געגעבן דאס געפיל פון הונגער פאר א סיבה, און מ'קען זיך פשוט באנוצן דערמיט צו וויסן וויפיל דער קערפער דארף עסן און ווען ס'איז שוין גענוג.

ארבעטנדיג מיט קליענטן איז מיר אויסגעקומען צו זען אז זיך איבערעסן קומט קיינמאל נישט פון הונגער. ווען א מענטש עסט נאר צו זעטיגן זיין הונגער וועט ער געוועגליך נישט האבן קיין איבריגע קאלאריעס, און אפילו אויב יא, וועט עס נישט זיין אויף א געפערליכן פארנעם. פון מיין ערפארונג איז מיר קלאר געווארן אז ווען א מענטש עסט זיך איבער קומט עס צוליב איינער פון די פאלגנדע סיבות:

די ערשטע סיבה איז אז מענטשן ווילן עסן מיטן ציל צו בארואיגן זייערע

**משה ראזענבערג**
845.200.3313 #110
Gezintman@theyingerman.com

## מענטשן האבן אינגאנצן פארגעסן פארוואס עסן איז בעצם געאייגנט

געפילן. בעצם איז עסן טאקע עפעס וואס באַרואיגט א מענטש, אבער דאס דארף זיין מיט א מאס; עס איז נישט קיין עסק זיך סתם אנצושטאפן כדי זיך צו באַרואיגן.

די צווייטע סיבה איז, פשוט ווייל מען זעט עסן פארנט פון זיך; מ'קומט צו א שמחה און מ'זעט אויסגעלייגט געשמאקע עסנווארג, און מ'כאפט זיך צו דערצו. באמת איז אבער נישט דא אזא זאך; עסן עסט מען ווייל מ'איז הונגעריג, און נישט ווייל ס'האט געכאפט דאס אויג.

די דריטע סיבה איז, אז מ'האט געהונגערט דורכאויס דעם טאג. מענטשן וועלן אפט מאל איבערהיפן א פרישטאג און נישט עסן נארמאל ביז ביינאכט, און ווען ער זעצט זיך צו נאכטמאל איז ער אזוי אויסגעהונגערט אז ער עסט און עסט אן קיין גרעניץ.

די פערטע סיבה איז, אז מען עסט ווייל מען גלייכט עס. נישט ווייל זיי זענען הונגעריג, נאר סתם ווייל דאס עסן איז גוט און ס'איז א געשמאקע הנאה.

אלזא, קודם כל איז וויכטיג צו וויסן אז אויב מ'גייט אויף א געזונטער דיעטע וועט מען געווענליך נישט זיין שטארק הונגעריג, און ממילא וועט מען נישט צוקומען זיך איבערצועסן אלס הונגער.

צווייטנס, איז טאקע וויכטיג זיך אריינצונעמען אין קאפ אז עסן איז בלויז דא כדי צו זעטיגן דעם הונגער. דער אויסוואל פון עסנווארג היינט-צוטאגס איז אזוי ברייט און קאלירפול, און ס'איז דא אלעמאל און איבעראל, אזוי אז מענטשן האבן אינגאנצן פארגעסן פארוואס עסן איז בעצם געאייגנט. אויב מען ווייסט אז מען עסט בלויז ווען מ'איז הונגעריג, דארף מען זיך שוין נישט ברעכן קאפ וויפיל צו עסן (בפרט ווען מ'קוקט מיט א אידישן בליק, אז עסן איז נישט געמאכט פאר אונזער הנאה, נאר כדי צו טון דעם רצון ה' דערמיט).

נאך א וויכטיגע נקודה: דער רמב"ם זאגט אז א מענטש זאל קיינמאל נישט ווערן אינגאנצן זאט, נאר ער זאל איבערלאזן א קליין ביסל פונעם הונגער. דאס איז בעצם געבויט אויף א גמרא אין מסכת עירובין דף ע'.

אלזא, דער ענטפער צו דער פראגע "וויפיל דארף מען עסן?" אין איין ווארט איז: וויפיל מ'דארף האבן צו שפירן זאט און ערנערט. פון דארט און ווייטער האט נישט קיין פשט זיך צו זעצן עסן. k

---

ר' משה ראזענבערג איז א "פונקשאנעל נוטרישאניסט" מיט העכער צען יאר ערפארונג אין העלפן מענטשן זיך אוועקשטעלן אויף א געזונטן לעבנסשטייגער, מיט דער ריכטיגער דיעטע, מהלך המחשבה, און נויטיגע סומפלעמענטן. אלעס צוגעפאסט פאר יעדן מענטש באזונדער לויט זיין געזונט צושטאנד און לאבאראטאריע טעסט רעזולטאטן. ער ספעציאליזירט זיך אין digestive, metabolic, autoimmune, און brain אישוס. **צו באשטעלן אן אפוינטמענט ביי ר' משה קענט איר רופן אדער טעקסטן 845.275.3975 אדער שיקן אן אימעיל צו info@profunctionalhealth.com**



**אינגערמאן**
**וואס טראכסטו**

# ווער איז דער
# פערזאן פון יאר?




אין אינגערמאן - פסח תשפ"ה



גיבט אפ
אייער שטימע

vote@theyingerman.com

theyingerman.com/vote

845.200.3313 ext 222




- ← **ר' יואל לאנדא** /// שטענדערל - קרן תוי"ט - יו"ט חלוקה
- ← **ר' משה מארגערעטן** /// פדיון שבוים - חשוכי בנים
- ← **ר' מענדל פעפערקארן** /// אינוועסטירן חתונה צו מאכן מיט הרחבת הדעת
- ← **ר' אליעזר שיינער** /// טאפלטע תמיכות פאר כוללים
- ← **ר' יואל ווייזער** /// אסירים
- ← **ר' יואל ישראל זופניק** /// טובה וברכה חלוקות אין א"י
- ← **ר' מתתי' גילבערט** /// RSK
- ← **ר' אברהם יודא גאלדבערגער** /// גרויסע טשעקס פאר משפחות אויף יו"ט
- ← **ר' צבי אלימלך פיש** /// מצא טוב חתונה פלאן
- ← **ר' שמעון לעפקאוויטש** /// עינים
- ← **ר' יונתן שווארץ** /// שידוכים איפוואכונג
- ← **הרב אלימלך בידערמאן** /// חיזוק באמונה ובטחון
- ← **הרב שמעון שפיטצער** /// חיזוק באמונה ובטחון

**← נאמינירט אייער קאנדידאט**
**אדער לייגט צו א פרישע נאמען צום ליסטע**

רייכע אפהאנדלונג איבער דער אויסדערוועלטע
פערזאן פון יאר וועט ערשיינען

**אין אינגערמאן - פסח תשפ"ה**

גיבט אפ
אייער שטימע

vote@theyingerman.com

theyingerman.com/vote

845.200.3313 ext 222

# ויסטו...

## אלעס ארום דרייוון, קויפן, ליעסן און פאררעכטן קארס און טראקס

**פישל גאלדבערגער**

געברענגט צו אייך דורך:
Upstate Collision
123 Elm street. Monroe N.Y. 10950
845.599.9000 845.500.1400 845.373.3102

## נייעס

ערץ קאר רענטל איז נאכאמאל אין הייס וואסער נאכ'ן באהאנדלען אן אומשולדיגן קאסטומער מיט א רייע אגרעסיווע טאקטיקן פאר'ן אנגעבליך נישט צוריקברענגען א קאר, און דערנאך פאר'ן עס צוריקברענגען שפעט, ווען באמת האט דער קאסטומער געהעריג צוריקגעברענגט דעם קאר צום באשטימטן פלאץ און צייט.

די מעשה גייט צוריק צו פאריגן זומער, ווען א קאסטומער אין פיניקס, אריזאנע האט ארויסגעדונגען א קאר ביי "הערץ" צו גיין אויף וואקאציע. אין דער באשטימטער צייט, עטליכע טעג שפעטער, האט יענער צוריקגעברענגט דעם קאר. אבער נאך עטליכע טעג האט הערץ גערופן פרעגן וואו דער קאר איז, און פארלאנגט אז ער זאל באצאלן פאר די טעג וואס ער האט עס געהאלטן לענגער... ווען יענער האט געזאגט אז ער האט עס צוריקגעטראגן אין צייט, האט די קאמפאני געזאגט אז אלעס איז מסודר. אבער דעם אנדערן טאג האט די פירמע ווידער גערופן אפבעטן דעם קאר, אויף וואס יענער האט געענטפערט אז עס ליגט שוין לאנג ביי זיי.

פינף טעג שפעטער האט די פירמע ווידער גערופן, אצינד שוין צו זאגן א דאנק פאר'ן צוריקגעבן דעם קאר, אבער די פירמע האט פארלאנגט נאך 707 דאלאר וואס דער קאסטומער איז געבליבן שולדיג פאר'ן צוריקגעבן דעם קאר שפעטער ווי אפגעשמועסט, און הערץ האט עס געררעכנט אויף יענעמ'ס קרעדיט קארטל. דער קאסטומער האט אפגעוואורפן (דיספיוטעט) דעם "טשארדזש", און די קרעדיט קארד פירמע האט אים צוריקגעגעבן דאס געלט.

יענער האט געמיינט אז די מעשה איז פארטיג. אבער מיט צוויי וואכן צוריק, א האלב יאר נאך דעם עפיזאד, איז דער קאסטומער געוואויר געווארן אז הערץ האט געשיקט דעם אנגעבליכן חוב צו א "קאלעקשאן" פירמע! דער קאסטומער האט אויפגעהויבן א שטורעם, וואס האט פארשעמט די קאמפאני, און הערץ האט צוריקגעצויגן און זיך אנטשולדיגט פאר דעם "עפיזאד".

עס איז נישט דאס ערשטע אדער צווייטע מאל וואס הערץ טוט דאס. אין '22 האט די קאמפאני געדארפט באצאלן אזויפיל ווי 168 מיליאן דאלאר צו שליכטן געריכט קלאגעס פון טויזנטער קליענטן וועלכע האבן זיך אפגערעדט אויף אזעלכע מאדנע טאקטיקן.

א גוטע לעקציע, אז ביי קאר רענטל דארף מען זיין פארזיכטיג, און עס איז ראטזאם צו נוצן היימישע פירמעס.

## טיפס

**באהאלטענע אינפארמאציע - 2** דער "האנדא אדיסי" מיניווען איז נאך אלץ דער איינציגסטער אויטא אין אמעריקע וואס קומט אריינגעבויט מיט א "וועקיום קלינער" צוליב פראקטישע געברויכן. עס וואלט געווען ראטזאם אז אנדערע פירמעס, ספעציעל טאיאטע, קרייסלער און ניסען, זאלן עס נאכמאכן, כאטש אין די מיניווענס, איבערהויפט אויף חול המועד, אבער דערווייל האבן זיי נישט קיין שום פלענער דאס נאכצומאכן.

▪

די טייערע פירמע לענדראווער האט א באהאלטענע פאליצע אונטער איינס פון די דעשבאורד פאנעלן, וואו מ'קען באהאלטן טייערע זאכן אן דעם וואס מען זאל זיי באמערקן פונדרויסן. קליענטן גלייכן דאס, אבער טייל האבן זיך אפגערעדט אז דער פלאץ איז אזוי באהאלטן, אז זיי פארגעסן אינגאנצן דערפון, נישט ווייסנדיג וואו מען האט באהאלטן די טייערע אוצרות.

▪

די מערסטע אויטא ווערסיעס אונטער איין פירמע קומט פון וואלקסוואגאן, וואס שטעלט ארויס עלף ווערסיעס פון קארס אין צענדליגער לענדער ארום דער וועלט. צווישן זיי: וואלקסוואגאן, אַודי, סיעט, סקאודא, בענטלי, בוגאטי, לעמבארגיני, פארש, דוקאטי, סקעניע און מאן.








DID YOU KNOW?

# 43%

## OF CYBERATTACKS TARGET SMALL BUSINESSES.

*Source: Verizon*

Executive has been protecting all sizes of businesses in our community with expert IT and cybersecurity solutions for over 20 years. As a trusted Managed Service Provider (MSP), we have prevented hundreds of cyber threats through advanced security measures and our training solutions.
**Reach out to our sales team to secure your business today.**
845.783.0112 | sales@executiveusa.com

executiveusa.com

executive



**אין קורצן פון פריער:** נאכן פארדעכטיגן מארק אין נעמען געלט פאר זיך, כאפן זיך יהושע און יצחק אריין אין זיין אפיס, וואו יצחק אנטדעקט אן אידענטיפיקאציע קארטל. יהושע מעלדט דאס איין פאר חיים און איבערצייגט אים אז מארק איז דער וואס ברענגט אונטער די ביזנעס.
חיים באשליסט צו קאנפראנטירן מארק, וועלכער איז זיך מודה אז ער איז טאקע א ברודער מיטן רויטן קאקטוס פון אפריקע, און ער סטראשעט אים צוריק אז אויב וועט חיים נישט מיטארבעטן מיט אים, וועט ער נוצן קעגן אים דעם קאנטראקט וואו ער האט אונטערגעשריבן צו האנדלען מיט די בלוט דיאמאנטן.
חיים שלעפט ארויס א רעקארדירער און צייגט אים אז ער וועט דאס נוצן אקעגן אים. מארק ווערט ווילד און דראעט מיט א רעוואלווער פאדערנדיג אלע צירונגען וואס געפינען זיך אינעם אפיס. חיים פארכט זיך אז ער וויל אים אויך ענדיגן זיין לעבן, און בעט זיך איין ביי אים אז ער זאל אים געבן פינף מינוט צו זיין אליין אינעם צימער. מארק שטימט צו, און חיים ווײנט זיך דארט אויס, אויסדרוקנדיג טיפע חרטה אויף זיין לעבן ביז אהער.

# לעבעדיג באגראבן?

חיים האט געשפירט ווי זיין לופט צו אטעמען לויפט אויס, און אז ער לעבט אויף געבארגטע צייט. ער האט בלויז צוויי גאנצע מינוט אויפצוקומען מיט א רעטונגס-פלאן פאר זיין לעבן.

זיין קאפ האט געזשומעט מיט ווילדע אבער אומרעאליסטישע געדאנקען, זיינע אויגן זענען ווילד ארומגעלאפן איבערן צימער, און זיינע הענט האבן זיך געווארפן אומקאנטראלירבאר.

מיטאמאל זענען זיינע אויגן געפאלן אויף דער אומפארשטענדליכער פאעזיע פון זיין טאטן וואס הענגט אויף דער וואנט אומאנטשידן.

ווי איינער וואס כאפט זיך אן אין א שטרוי אינעם רושיגן אקעאן איז ער צוגעשפרונגען און איר האסטיג אראפגעריסן פון וואנט, און זיינע פייכטע אויגן האבן נאכאמאל איבערגעליינט מיט אנטשלאסנקייט די אומפארשטענדליכע ווערטער.

"טאטע," האט ער געפליסטערט ווי צום פאפיר, "איך בעט דיר, זיי מיר מוחל, און העלף מיר זיך ראטעווען."

ווי הארטע אומגעשלייפטע שטיינער האבן זיך געזען פאר זיינע אויגן די מאדנע ווערטער, און ער האט פיבערהאפטיג פרובירט צו טרעפן זיין ענטפער צווישן די שורות:

לעבן נאך לעבן הארטער פעסטער דיאמאנט, זיי שטארק קראנט, געשליפן פריינט'ס האנט, ליכטיג הינטער דער וואנט.

ווייזט אויס אז דער דרוק אין וואס ער האט זיך געפינען האט אים אריינגעשיינט פארשטאנד און קלארקייט, און זיין יעצטיגע סיטואציע האט זיך אקוראט אפגעשפיגלט אין די אומפארשטענדליכע ווערטער.

הארטער פעסטער דיאמאנט - ווען נאך קען מיין פאטער מיינען סיידן מיך, אלס זיין דיאמאנט אויפן וועלט, וועמען'ס נאטור און פירונג איז פארביסן און הארט.

לעבן נאך לעבן - מיינט דער טאטע געוויס צו איבערלאזן א צוואה וויאזוי זיין זון "חיים" זאל זיך אומגיין נאך זיין לעבן.

זיי שטארק קראנט - ער האט נישט געוואוסט פארוואס, אבער שלום פיינער'ס געשטאלט און זיינע אידעאלאגישע געדאנקען איז אים פלוצלינג אויפגעקומען אין געדאנק. אוי, שטארק קראנט. ווער נאך ווי ער באגרייפט אז אמת'ע און קראנטע שטארקייט איז צו זיין א פעסטער כאראקטער ווי זיין טאטע איז געווען, און נישט באזיסן אזא פאלשע שטארקייט מיט וואס ער האט זיך געפירט, פרובירנדיג צו שאפן א מאכטפולן איינדרוק.

געשליפן פריינט'ס האנט - זיינע לונגען האבן זיך אפגעשטעלט און ער האט שווערליך אריינגעאטעמט. א שמערץ האט דורכגעדרונגען אין זיין הארץ מיט טיפן באדויער.

פארוואס האב איך נישט ביז היינט געכאפט וואס מיין טאטע מיינט צו זאגן? פארוואס האב איך נישט געקענט צוטרעפן מיטן צעטל אדער מיטן בלויזן לאגיק אז איך דארף צוהערן מייגע אמת'ע פריינט? פארוואס האב איך זיך פארלאזט אויף מיין אייגענעם זינען, און זיך נישט געלאזט שלייפן דורך זייער פראפעסיאנאלן עקספערטיז?

בלויז יעצט ווען איך טרעף זיך אין טיפן אפגרונד וואו מיין א.ג. פריינט האט מיך אריינגעשלעפט דורכן מיר געבן מיין געפיל פון פאלשער פעסטקייט, הערשט אין דעם לעצטן מאמענט פון מיין לעבן, קום איך אויפן איינפאכן געדאנק אז מען דארף געטרויען און זיך לאזן פירן פון די ריכטיגע פריינט.

כוואליעס פון טרערן האבן פארשטעלט זיין זע קראפט פון ליינען ווייטער. חיים האט זיך שוין נישט געקענט איינהאלטן, און ער האט הויך געכליפעט אויפן קול.

"הער אויף צו ברעטשען, ווייל דו האסט נאך איין מינוט און נישט מער," האט מארק געדונערט פון דער אנדערער זייט טיר.

מנשה ניימאן

# קאָפּ אין וואַנט

## די געשיכטע פון **חיים גאלדמאן**

א שוואכקייט איז אים באפאלן איניינעם מיט א ווילדן ציטערניש. ער האט צוגעדרוקט דעם צעטל צום הארץ און פארענדיגט ליינען די לעצטע שורה.

ליכטיג הינטער דער וואנט.

חיים איז געבליבן שטיין און פארקנייטשט זיין פארשוויצטן שטערן. ביז אהער האט אלעס וואונדערליך אויפגעלאכטן, און עס האט געשטימט אזוי ווייטאגליך מיטן ביטערן פאקט. אבער דאס קען ער בשום אופן נישט לעזן.

„ליכטיג הינטער דער וואנט," האט ער נאכאנאנד ווידערהאלט.

וואס באדייט דאס?

ער האט נישט געקענט כאפן וואס זיין פאטער מיינט דא צו זאגן. זיין טאטע איז טאקע אפט מאל געווען אומפארשטענדליך, אבער קיינמאל געווארפן ווערטער אין דער לופט. ער צילט זיכער עפעס דערמיט, וואס איז הינטער דער וואנט?

א בליץ איז אים מיטאמאל אויפגעקומען. עס האט זיך געהערט זינלאז און פאנטאסטיש, אבער נישט האבנדיג וואס צו פארלירן אין די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן איז ער צוגעשפרונגען צום ארט וואו עס ליגט שיין פלאצירט דאס גרויסע בילד פון זיין טאטן און עס ווילד אראפגעשלעפט.

זיינע אויגן האבן דורכגעבליקט די גאנצע וואנט, עס איז געווען בלאס און גלאט ווי סיי וועלכע אנדערע וואנט.

חיים האט געשפירט הילפלאז און דעמאראליזירט.

„טאטע, איך בעט דיר, אויב איז דא עפעס אין דער וואנט וואס קען מיר העלפן, ביטע באלייכט מיינע אויגן אז איך זאל זיך קענען ראטעווען דערמיט," האט ער שטיל אויסגעשריגן.

דאן האט זיך זיין בליק אנגעקלאפט אין דער שאפע פון די סארטירטע דאקומענטן. ער האט געעפנט די טיר און אריין אינעווייניג.

‚צורשט בין איך באהאלטן,' האט ער געקלערט א קינדעריש געדאנק.

מיט זיין האנט האט ער האסטיג געטאפט די גאנצע וואנט, ווען ער האט דערשפירט נעבן די פאליצעס א שטיקל וואנט וואס שטארט ארויס אויף א מאדנעם אופן.

מיט אוממענטשליכע שנעלקייט און קראפט האט ער אפגעקראצט דעם קאלך דערפון, און עס האט זיך פאר אים אנטפלעקט א דינער קוים-מערקבארער קנעפל.

חיים'ס אטעם האט זיך אפגעשטעלט איניינעם מיט זיין הארץ קלאפעניש. ער האט דאס איידל געדרוקט ווען זיין מויל איז ברייט אפן מיט שפאנונג און האפענונג.

צו זיין וואונדער האט זיך א זייטיגער שפאלט אויסגעברייטערט צו דער ברייט פון א מענטשליכן קערפער. חיים האט נישט געטראכט קיין צוויי און איז פלינק אריינגעקראכן דערין.

דאן האט זיך געהערט א שאס, און די טיר האט זיך אונטערגעגעבן און אראפגעפאלן אויף דער ערד מיט א הילכיגן זעץ.

חיים האט זיך שנעל אנגעהויבן רירן אין דעם שפאלט, וואס האט מיט יעדן טריט פאראויס געשיינט צו זיין ווי א באהאלטענער דורכגאנג אין די ווענט פון דער געביידע.

זיינע פיס האבן אים געטראגן פון זיך אליין, ווען זיין מח פרובירט נאך צו פראצעסירן די שנעלע פריידיגע אנטוויקלונג.

נאכן ארומקריכן אין דעם שמאלן דורכגאנג האט ער דערגרייכט א טירל פון וואס עס האט שמייכלדיג געבלינצלט א שיינענדיג ווארט: „ארויסגאנג".

ער האט נישט געוואוסט אויב דאס איז בלויז א פאנטאזיע אין רעזולטאט פון זיין טויט שרעק, אדער דאס פאסירט אין דער ווירקליכקייט. ער האט פאמעליך געעפנט די טיר און זיך געטראפן אינמיטן די טרעפ פון דער געביידע.

חיים האט ביז היינט נישט באגריפן דעם ריכטיגן באדייט פונעם אויסדרוק „מיט דער נשמה אין די הענט". ווי א צודרייטער איז ער אראפגעלאפן די טרעפ, צוויי אויפאמאל, ווען ער קוקט נאכאנאנד צוריק אויב ער ווערט נישט



# קאפ אין וואנט

די געשיכטע
פון **חיים גאלדמאן**

נאכגעיאגט.

זיין ציטערדיגע האנט האט ווילד געשטופט די טיר און ער איז ארײנגעלאפן אינעם שאסיי, וואו פייפנדיגע אויטאס זענען געווען געצווינגען צו קומען צו א האסטיגן אפשטעל.

"רוף פאליציי," האט ער געשריגן מיט אלע קרעפטן, "א רויבעריי... מערדער..."

א גוטהארציגער מאטאריסט האט באוויליגט אים ארײנצונעמען אין זיין אויטא, ווען א מינוט דערויף האט זיך די טיר פון דער לוקסוריעזער געביידע אויפגעפראלט און א מאן מיט א ביקס אין דער האנט האט זיך באוויזן.

"אוי," האט חיים געקוויטשעט אומבאהערשבאר.

דער דרייווער האט אראפגעדרוקט אויפן גאז פעדל און שנעל אפגעפארן, ווען מארק'ס טייוולאנישע אויגן פאלגן נאך דעם אויטא מיט אנטוישונג.

חיים האט זיך איינגעקורטשעט אין זיין זיץ, אין א פארצווייפלטן פרואוו צו באשיצן זיין לעבן, בשעת יאמערליכע סירענעס האבן זיך געהערט אינעם הינטערגרונט.

"פאליציי איז שוין דא," האט דער מאן אינעם אויטא אים בארואיגט, "דארפסט זיך מער נישט שרעקן."

"איך בין נישט רואיג," האט חיים ארויסגעשטאמלט צווישן זיינע קלאפנדע ציין, "ביז ווילאנג דער מערדער איז נישט געקייטלט."

דער דרייווער האט בליץ שנעל געטוישט ריכטונג צוריק צו דער סצענע.

"ניין," האט חיים ליארעמט, "גיי נישט צוריק."

"זארג נישט," האט יענער געשמייכלט צו זיין טראומאטיזירטן פאסאדזשיר, "לאמיר נאר כאפן א בליק. עס איז פיין, דער טייוול איז שוין אין פאליציייאישע הענט. קענסט רואיג ארויסקומען."

חיים האט זיך פאמעליך ארויסגערוקט פון זיין באהעלטעניש, ווען פאר זיינע אויגן האט זיך אנטפלעקט דער אומגלויבליכער ספעקטאקל.

א גרופע פאליציאנטן זענען געשטאנען ארום א פארשוין וואס איז געליגן אויף דער ערד צובלוטיגט און געקייטלט. ער האט נישט געדארפט צו לאנג קוקן געוואויר צו ווערן אז דאס איז ווירקליך זיין געוועזענער מארקעטער און ראטגעבער, מארק ברענדן - סטיוו ראבינסאן.

"חיים, חיים," האט ער געהערט פריינטליכע שטימעס, "מיר האבן געהערט איבער דער רויבעריי, וואס טוט זיך מיט דיר? דו לעבסט?"

ער האט זיך ארומגעדרייט, און צום שיין פונעם גאס-לאמפ האט ער דערקענט די געזיכטער פון זיין שוואגער יצחק און זיין געטרייען ארבעטער יהושע.

ער האט זיי ארומגעהאלזט מיט א ווארעמער ליבשאפט, און זיך געשטיקט פון טרערן.

"זייט מיר מוחל, יצחק אויף..."

"לאז, עס איז גוט," האט יצחק ליבליך רעאגירט. "דער עיקר איז אז דו ביסט געראטעוועט און באפרייט פון אונטער דעם מערדער'ס נעגל."

"קוק אויפן רויבער," האט חיים געזאגט מיט א געשטיקטער שטימע.

"מארק?!" האבן זיי אויסגעשריגן אין איין שאקירטער שטימע.

מארק האט אויף זיי געווארפן א האספולן בליק, ווען ער שטויסט מיט די פיס, און בלוט רינט פון זיין מויל.

"יהושע," האט חיים אויסגעשריגן מיט אויגן פול מיט טרערן, "איך האב צוגעזאגט צו טון גוטס מיט אנדערע פון היינט אן. זארג נישט, איך וועל נישט רוען ביז דיין פרוי איז פולקאם אויסגעהיילט."

"חיים," האט יהושע געשמייכלט אים קלאפנדיג אין פלייצע, "דארפסט נישט גארנישט, מיר פרייען זיך מיטן פאקט אז דו לעבסט."

חיים האט אפגעווישט זיינע טרערן און אויסגעגליכן זיין בליק ארײנקוקנדיג טיף אין זייערע הערצער.

"חיים גאלדמאן לעבט מער נישט, ער איז געשטארבן אין דעם צימער; עס איז געבוירן א נייער חיים וואס ווייסט אז שטארקייט קומט פון גוטהארציגקייט און צוטרוי."

בעזרת השם יתברך

# SWITCH TO QUALITY, SWITCH TO US



**Electric.**

- Painting.
- Plumbing.
- Handy Work.
- Shelving.

We at FIXRR+ are your one-stop solution for all your home improvement needs, with a specialization in electricity and plumbing.

Our skilled professionals provide lasting home repairs that go far beyond makeshift fixes.

**Licensed and Fully Insured.**

FIXRR+

Where every repair is perfect plus.

845.244.9500

31 Larkin Dr, Monroe NY 10950

Info@fixrrplus.com


Starting at
$799
A COUPLE
Take a break this
שבת הגדול
In the Northern Catskills
EXCITEMENT FOR THE KINDERELECH
5 STAR GOURMET MEALS
KIDS PROGRAM
BALLOON INFLATABLES THROUGHOUT SHABBOS
MELOUR
RESORT
RESERVE NOW
Hunter Mountain Kosher
info@hmkosher.com
hmkosher.com | 845.218.1122
6302 Main St.
Tannersville, NY 12485
24-hour Tea Room
Shul on premises
Guest Lounge
Indoor pool
Outdoor pool
Whirlpool
Gym


Cash in your points for top value.
» SAME-DAY PAYMENTS
» SUPERIOR CUSTOMER SERVICE
CloudNine MILES
845-306-4545 // info@cloudninemiles.com


Get 10% off with this ad
Shnell
messenger שנעל
Daily delivery routes
845.782.1010
Brooklyn, Monroe, Monsey, Lakewood
Inquire about: Any Destination,
Rush Jobs, Bulk Orders, Truck Loads, ETC


איר דארפט נישט ווארטן
די קאר וועט ווארטן פאר אייך
Some of the benefits of having a steady car
No need to wait for the car, the car will wait for you.
One time set up, no need to call each time.
You will always get your car - snow, rain, etc.
Never be late at work, time is money
Arrive home on time
Pay once a week or by weekly
SILT STEADY TRIPS
For all your Steady Trips
Servicing KJ, Monroe, Bloomingrove, Central Valley, Woodbury Junction, Highland Mills, Smith Farms, Prestwick Gardens
היימישע דרייווערס
845.500.1378


בס"ד
THE WORK ANCHOR
CAREER TRANSITION COACH
היימיש ❮ פראפעסיאנאל ❮ ערפארן
End uncertainty. Embrace Opportunity.
Escape difficult work situations
Get paid what you're worth
Start that side hustle
Switch roles or fields
Find work which you truly enjoy
Navigate your job-search with clarity calm and confidence
80+ clients successfully coached — will you be the next?
Schedule a FREE discovery call today
coach@theworkanchor.com
718-810-5384


PROMOTION · ORGANIZER · PROMOTION
A beautiful kitchen is great.
A functional one is even better.
Get both, on us.
A kitchen is more than cabinets and counters, it's where life happens.
That's why, we're covering the cost of a professional organizer to keep yours effortless and beautiful.
Get your order in before Pesach to take advantage of this limited-time offer.
c kitchens™
Chaim Furth
718.971.1677 CALL OR TEXT
ckitchensny@gmail.com
71 S 11th Street
Brooklyn, NY 11249


Elite Locksmith Inc
Fast & Reliable Service
Phone:
347.461.5582
Email:
yygrun5582@gmail.com
Yanky Grunzweig
יענקי גרינצווייג

↗Maxify®

Start your website now

# Full website for just $675

→ Writing

→ Design

→ Develop

→ SEO

→ Hosting

Get a professional, friendly website for your business for only $675.
Plus, enjoy worry-free hosting and maintenance for **just $49/month**.
We'll take care of everything, from design to updates, so you can focus on what you do best—running your business. → Your Website, Done.

845.925.5881
info@maxifyteam.com

↗Maxify®

→ **Maxifyteam.com**


ריין, פריש,
עלעגאנט
pepìta
קויפט היינט און האט אלעס גרייט אויף יום טוב
קומט אן צום יום טוב ווי עס פאסט. באקליידט אייך ווי א ריכטיגער בן חורין.
קומט אריין צו "פעפיטע" און שטאפירט אייך אויס מיט העמדער, הויזנס, ציצית,
לייכטע בעקיטשעס, און סיי וועלכע דריי-גודס איר דארפט לכבוד פסח.
186 Harrison Avenue | 718.440.1115 | Sun 12-6. Mon-Thu 11-7. Fri 11-1
pepìta
SHAYA | 718.344.4956

# The phone system you deserve!




*Enterprise features for your business.*

**RELIABLE PBX** | **855.735.3600**

COMMUNICATION SYSTEMS | WWW.RELIABLEPBX.COM




Accurex
Accounting Solutions

ישראל יעקב זילבערשטיין

• פאר אלע אייערע personal טעקס-ריטוירן געברויכן
(original filing/amendment, IRS correspondence, etc)

• צו עפענען א corporation אדער LLC

פארבינדט אייך מיט'ן עקספערט אויף: 845.288.3933 אדער: jacob@accurexny.com

פערזענליך און פארלעסליך!



TRI STATE SOLAR

TESLA POWERWALL

CERTIFIED INSTALLER



# Stay Powered During Outages!

The Tesla Powerwall 3 provides reliable backup power, keeping your home running even when the grid goes down. Sleek, efficient, and available now—get yours today!

We specialize in backup storage, rooftop solar, & reroofing, ***all at unbeatable prices.***

## CALL US FOR YOUR QUOTE TODAY!

**845.267.8851**

Get **over 30% in savings** with state and federal incentives.

---

845.267.8851 | info@TristateSolarServices.com | TristateSolarServices.com

# Your Listings
## In the Village of South Blooming Grove

Selling/Buying:
**Private Homes**
**Multi-family**
**Vacant Land**
**New Construction**
**Offices**, Sales & Rentals
and surroundings

# "מיר מופן
# אין בלומינג גראוו"

**עוועילעבל**
9 San Antonio
11-13 Old Town
338 Lake Shore
+ many more

אין א
## אופ ענד דאון
**9 רומיגע דירה**

פרייז
**$900,000**

מיט סטעפס צום בוידעם,
פינישט מיט גאר אסאך מעלות,
הערליכע אפגרעידס, רייכע אויסשטעל
16% אראפצולייגן,
דירה איז גרייט אי"ה דעם זומער



אין א
## גראדע/פלעט
**8 רומיגע דירה**

פרייז
**$825,000**

מ'באקומט אויך א בעיסמענט,
גענוג סטארעדזש ספעיס,
עכט באַ'טעמ'ט און געשמאק,
13% אראפצולייגן,
דירה איז גרייט בע"ה אין א יאר ארום



אין א
## גראונד לעוול
**5 רומיגע דירה**

פרייז
**$550,000**

מיט ליכטיגע שטובער/ קלאזעטס,
פארטש, שיינע גרינע גראז,
זייער גוט אויסגעשטעלט,
13% אראפצולייגן,
דירה איז רעדי און גרייט צו מופן בס"ד






רופט היינט
צו רעזערווירן

CHAIM GLUCK REALTY
eRealtyAdvisors
Licensed Real Estate Salesperson
**845-587-5870**
sales.cgluckrealty@gmail.com




# GAS PRICES GO UP, DOWN, AND ALL AROUND



One week, gas is up. The next, it's down. But no matter how prices fluctuate, when to fill up can still feel like a gamble. Meanwhile, **United Refuah membership costs haven't increased in 7 years!**

With the $20,000 your family can save by joining United Refuah you can:

- Fill up your tank 400 times and drive 120,000 miles — that's nearly 5 times around the world!*
- Or skip the pump entirely and buy an electric car!

KLAL YISROEL'S HEALTHSHARE



## MEMBERSHIP STILL ONLY

Single: **$199**/month

Couple: **$349**/month

Family: **$499**/month

Family size 3-6. Additional members $50/month.

## UNITED REFUAH: STABLE, RELIABLE, NO SURPRISES.

Join today and keep your budget on the road to savings.

**WWW.UNITEDREFUAH.ORG | (440) U-REFUAH**

united refuah HealthShare

*United Refuah is a non profit healthsharing organization. It is not insurance and does not offer insurance. See Sharing Guidelines for full details. Application and annual renewal fees apply. Actual savings may vary. *At $50/fill-up assuming 30 miles per gallon, 12-gallon tank.*